ש. עטינגער / געקליבענע ווערק
רעד' מ. עריק
קיעוו 1935
PJ 5129 A2 E85 1935

מ. עריק

# שלוימע עטינגער

## (1800[01?] — 1856)

### 1

די ערשטע גרופקעס מאסקילים באווײַזנ זיכ אינ קרוינ־פוילנ צומ סאָפ 18־טנ אונ אָנהייב 19־טנ יאָרהונדערט. אויכ אינ פוילנ איז די האסקאָלע די אידעאָלאָגיע פונ דער מאָדערניזירטער יידישער בורזשואזיע, וואָס קומט אופ מיטנ וווקס פונ די קאפיטאליסטישע פראָצעסנ אינ לאנד. שוינ אינ לעצטנ פערטל פונעמ 18־טנ י. ה. איז שטארק אויסגעוואקסנ דער פוילישער האנדל, ביפראט דער עקספּאָרט פונ טוווע, אונ אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָבנ זיכ אָנגעצייכנט די ערשטע קאפיטאליסטישע פראָצעסנ אינ דער לאנדווירטשאפט. אינ דער זעלביקער צײַט לעבט איבער פוילנ א גרינדונג־פיבער פונ מאנופאקטורנ אונ פאבריקנ, ווו דעמ אויבנאָנ פירנ פוילישע מאגנאטנ (טיזנהויז, די ראדזיווילס, די פאָטאָצקיס, די טשארטאָריסקיס א. א.), עס אנטשטייענ אויכ סאָכרישע מאנופאקטורנ, געגרינדעטע ס'ראָוו דורכ דײַטשנ אונ אנדערע אויסלענדער. עס איז כאראקטעריסטיש, אז בעשאס די פריצישע מאנופאקטור לעבט איבער אינגיכנ א שווערנ קריזיס, האָבנ זיכ דורכויס באוואָרנט די סאָכרישע פאבריקנ, אונ זייער מערהײַט האָט גלענצנד אויסגעהאלטנ אפילע די שווערע קריזיסנ אינעמ סאָפ פונעמ 18־טנ י. ה.

אינ דעמ שפעטערדיקנ פעריאָד פונעמ „ווארשעווער פירשטנטומ" לעבנ איבער דער האנדל אונ אינדוסטריע א יערידע, אונ א נײַעמ שטויס באקומענ זיי ערשט זינט דער גרינדונג פונעמ קיניגרײַכ פוילנ, ווי א באשטאנדטייל פונ דער צארישער אימפעריע (1815). עס וואקסט אויס גיכ די באפעלקערונג פונעמ לאנד (אינ די צענ יאָר 1819 — 1829 — פונ 3,43 מיליאָנ אפ 4,14, ד. ה. א וווקס פונ צוואנציק פראָצענט). דאָס אָפשאפנ דעמ צאָל־באריער צווישנ פוילנ אונ רוסלאנד אינ יאָר 1819 טרײַבט פאָרויס מיט גיכע טעמפּנ דעמ פוילישנ האנדל אונ אינדוסטריע, ציט צו טויזנטער קוואליפיצירטע מײַסטערס אונ ארבעטער, אונ טיילווײַז אויכ פאבריקאנטנ פונ דײַטשלאנד (צענ טויזנט פאמיליעס אינ משכ פונ עטלעכע יאָר), אונ די פוילישע וואָל־אינדוסטריע דערגרייכט אינ משכ פונ עטלעכע יאָר אפילע ביז כינע. אָנהייב 20־קער יאָרנ הייבט זיכ אָנ פאנאנדערבויענ לאָדזש, ווי א וויכטיקער אינדוסטריע־צענטער, איר בלי־צײַט הייבט זיכ אָבער אָנ ערשט זינט 1840. עס גייט אָנ א לאנגזאמער אופשטײַג פונ דער מעטאלורגיע. נאָכנ פוילישנ אופשטאנד פונ 1831 ווערט ווידער אײַנגעפירט א צאָל־מויער צווישנ פוילנ אונ רוסלאנד, וואָס באטײַט א שווערנ קלאפ פאר דער יונגער פוילישער אינדוסטריע, אונ רויִנירט ביפראט די וואָל־פראָדוקציע. די אינדוסטריעל־קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג

פאַר דער „פֿינצטערער מאַסע". עס האַנדלט זיך וועגן 26 פֿאַמיליעס, און דאָס זײַנען באַנקירן (אַשטייגער, דאַווידזאָן, קראָנענבערג, ראָזען, לעווע, די קאַנס א. אַנד.), ליפֿעראַנטן (קעניגסבערגער א. אַנד.), גרויסע סאָכרים, דאָקטוירים און לערער. אין א פּעטיציע פֿון יאָר 1815 צו אַלעקסאַנדער דעם ערשטן פֿאַרופֿן זיי זיך שוין אַף פּערציק אַזעלכע „כּאָשעווע יידישע פֿאַמיליעס".

פֿון זייער קרײַז גייט אַרויס אין יאָר 1819 א פּוילישע בראָשור מיט א העפֿטיקער אַטאַקע קעגן קאָהאָל, מיט א פֿאָדערונג טייקעף אָפּצושאַפֿן די קאָהאָל־אינסטיטוציע, און מאָטיווירט ווערט עס סײַ טעאָרעטיש מיט ציטאַטעס פֿון מענדעלסאָנס „יערוזאַלעם", סײַ פּראַקטיש דורך א קריטיק פֿון די מיסברויכן פֿון קאָהאָל. א געוויסן דערפֿאָלג, עמעס, מער א פֿאָרמעלן, דערגרייכן זייערע הישטאַדלעסן, און אין יאָר 1821 ווערט קאָהאָל אָפּגעשאַפֿן אין קרוין־פּוילן (פּאַקטיש פֿאַרבלײַבט ער ווײַטער אונטערן שילדל פֿון די אַזויגערופֿענע שול־דאָזאָרעס). די וואַרשעווער מאַסקילים טרעטן אויך צו צו גרינדן מאָדערנע שולן פֿאַר דער דערציִונג פֿון יידישע קינדער, און אין יאָר 1820 ווערן געגרינדעט די ערשטע דרײַ עלעמענטאַר־שולן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יאַנקעוו טוגענדהאָלד, וווּ ס'ווערט געלערנט פּויליש, דײַטש, אַריפֿמעטיק, העברעייִש און רעליגיע. שפּעטער ווערט אָפּגעשאַפֿט דער לימעד פֿון העברעייִש און סע ווערט אײַנגעפֿירט אָנשטאָט דעם געאָמעטריע. אין דער זעלביקער צײַט אַנטשטייען צוויי שולן פֿאַר מיידלעך.

סאָף יאָר 1823 הייבט אָן אין וואַרשע דערשײַנען א צײַטונג אין פּויליש און יידיש־דײַטש „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל" (דער פּוילישער טיטל איז געווען „דאָסטשעגאַטש נאַדווישליאַנסקי") — דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם דריטן דעקאַבער 1823, געדרוקט אין צוויי שפּאַלטן, לינקס פּויליש און רעכטס יידיש־דײַטש, סאַכאַקל זײַנען דערשינען 42 נומערן, — און סאָף 1824 האָט זיך די צײַטונג אָפּגעשטעלט. די גאַנצע צײַטונג איז געווען א מאָדנע פֿאַרזעעניש. איר גרינדער און רעדאַקטער איז געווען אַנטאָני (אַרן) אײַזנבוים (1791—1852), וואָס האָט געענדיקט א פּוילישן ליציי און איז שפּעטער געוואָרן אַן „אינפֿאָרמאַטער", דאָס הייסט אַזוי גוט ווי א שפּיאָן בײַ דער רעגירונג פֿון קרוין־פּוילן. עס האָט אים ביפֿראַט געשטיצט דער בילדונג־מיניסטער גראַבאָווסקי. אין יאָר 1823 האָט אײַזנבוים באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן א צײַטונג אין העברעייִש, די רעגירונג האָט אים אויך אויסגעצאָלט א סובסידיע פֿון 2 טויזנט פּוילישע גילדן מיט דעם באַדינג, אַז די צײַטונג זאָל האָבן צוויי טעקסטן — העברעייִש און פּויליש. די וואַרשעווער מאַסקילים האָבן אָבער מיט אײַזנבוימען ניט געוואָלט מיטאַרבעטן, און אײַזנבוים, וואָס האָט שוואַך געקאָנט העברעייִש, האָט דאַן באַשלאָסן אַרויסגעבן די צײַטונג אין יידיש־דײַטש און פּויליש. זײַן צײַטונג איז, אַלזאָ, געווען א רעגירונג־רעפּטיליע, און רעדאַגירט האָט זי אײַזנבוים אָן אינטערעס. זי איז געווען טרוקן, מיט שוואַכער אינפֿאָרמאַציע, געשטאַנען אין א זײַט פֿון די וויכטיקסטע געשעענישן פֿון יענער צײַט, קימאַט ניט געדרוקט קיין בעלעטריסטיק. ס'ראָוו האָט זי אויסגעפֿילט אָפֿיציעלע רעגירונג־דעקרעטן און פֿאַראָרדענונגען, דאַן פֿלעגן קומען „נאַכריכטן פֿאָם אויסלאַנד", „האַנדלס־נאַכריכטן", ביאָגראַפֿיעס פֿון „גרויסע יידישע לײַט" — פֿונעם ראַמבאַם, פֿון מוישע מענדעלסאָן, פֿון מייער ראָטשילד א. אַז. וו. די שפּראַך פֿון דער יידישער אָפּטיילונג



איז געווען ניט יידיש און ניט דײַטש, נאָר א מין דײַטשמערישער קוידערוועלש, וואָס האָט זיכער ניט געקאָנט דערגיין צו די מאַסן. איבעריקנס האָבן די לייענער ווייניק אינטערעסירט אײַזנבוימען, — ער האָט אויסגערעכנט ניט אַף זיי, נאָר אַף דער רעגירונג־סובסידיע. אין יאָר 1924 האָט די בורזשואַזע יידישע פּרעסע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט גרויס פּאַראַד געפֿײַערט דעם הונדערטיאָריקן יובילײַ פֿון אָט דער צײַטונג, — דער יובילײַ פֿון דער קאַזיאָנע־שפּיאָנישער רעפּטיליע איז דורך דער יידישער בורזשואַזיע פּראָקלאַמירט געוואָרן, ווי דער „יאָנטעוו פֿון דער יידישער פּרעסע".

אין יאָר 1826 איז אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן א ראַבינער־שול, און אײַזנבוים האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין דער ראַבינער־שול און איז מיט דער צײַט געוואָרן איר פּאַקטישער דירעקטער. קיין איין ראַבינער האָט די שול ניט אַרויסגעגעבן פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון איר עקזיסטענץ, זי איז אָבער געוואָרן א וויכטיקער צענטער פֿון פּאָלאָניזאַטערישער אויפֿקלערונג.

אַכוץ וואַרשע, האָבן עקזיסטירט מאַסקילישע גרופּעס און צענטערס אין פּלאָצק, וווּ אין דער שפּיץ פֿון די מאַסקילים איז געשטאַנען דער דײַטשישער סויכער יאָסעף פּרענקעל, אין סעדלעץ, וווּ די מאַסקילים האָבן באַוויזן גרינדן א מאָדערנע שול פֿאַר קינדער, און אינעם קרײַז זאַמאָשטש־הרוביעשאָוו־שעברעשין. פֿון זאַמאָשטש איז אַרויס דער לערער פֿון מוישע מענדעלסאָן — ייסראָעל זאַמאָשטש, און דער שפּעטערדיקער דײַטשישער פּאָעט ייסאָכער־בער פֿאַלקענזאָן; דאָרטן איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט דער העברעייִשער פּאָעט קינדערפֿרײַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן א ביכל העברעייִשע לידער אין יאָר 1834. זײַן זון איז געווען דאָקטער אין זאַמאָשטש און עטינגערס צײַטן. א געוויסע צײַט איז אין זאַמאָשטש געזעסן דער גאַליצישער מאַסקיל און שרײַבער שימשען בלאָך. אין זאַמאָשטש האָט געלעבט זינט 1815 א לענגערע צײַט דער מאַסקיל, מאַטעמאַטיקער און פּאָעט יאַנקעוו אייכענבוים, דער שפּעטערדיקער אינספּעקטער פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין זאַמאָשטש איז אין יאָר 1816 געבאָרן געוואָרן אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטער פֿון „האַמײליץ" און „קויל מעוואַסער", און דאָס הויז פֿון זײַן פֿאָטער יאָסעף צעדערבוים איז געווען דער צענטער פֿון די זאַמאָשטשער מאַסקילים. אין זאַמאָשטש האָט געלעבט דער מאַסקילישער שרײַבער עפֿראַיִם־פֿישל פֿישלזאָן, א געבוירטיקער פֿון לובלין, עטינגערס א פֿרײַנט. צענטערס פֿון האַסקאָלע זײַנען אויך געווען די נאָענטע הרוביעשאָוו און שעברעשין, וווּ אַרום דעם באַקאַנטן געלערנטן יאַנקעוו רייפֿמאַן האָבן זיך גרופּירט א רײ מאַסקילים. אויב די וואַרשעווער מאַסקילים זײַנען ענג געווען פֿאַרבונדן מיט דער בערלינער אויפֿקלערונג, איז דער זאַמאָשטשער צענטער געווען נענטער צו דער גאַליצישער האַסקאָלע. א געוויסע ראָליע האָט דאָ געשפּילט אויך דער מאָמענט, וואָס אין די יאָרן 1792—1807 האָט זאַמאָשטש אָנגעהערט צו עסטרײַך.

פֿון דעם זאַמאָשטשער קרײַז מאַסקילים איז אַרויס אויך שלוימע עטינגער, לעבן אַקסענפֿעלדן דער באַדײַטנדיקסטער יידישער שרײַבער פֿון דער פֿאַררעפֿאָרם־עפּאָכע.



יאנקעוו אײכענבױם. געמאָלט פֿון עטינגערן לױטן זיקאָרן.



שלױמע עטינגער איז געבאָרן געװאָרן אין װאַרשע 1800 אָדער 1801 אין אַ ײכעסדיק־ראַבאָנישער מישפּאָכע; זײַן פֿאָטער איז פֿרי געשטאָרבן, און ער איז דערצױגן געװאָרן באַם פֿעטער מענדל עטינגער, װאָס איז געװען ראָװ אין לענטשנע, לובלינער געגנט. אַרום 1815—1816 האָט ער כאַסענע געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון אַ זאַמאָשטשער גװיר און געװאָרן אַן אײדעם אַף קעסט; שפּעטער האָט זײַן פֿרױ געהאַלטן אַ גלאָז־קראָם, און עטינגער האָט זיך אַלץ אַרומגעדרײט אָן אַ פּראָפֿעסיע. אַן אַנטשײדנדיקע װירקונג אַף זײַן אַנטװיקלונג אין דער דאָזיקער צײַט האָט געהאַט דער זאַמאָשטשער קרײַז מאַסקילים, װאָס זײַן צענטער איז געװען די שטוב פֿון יאָסעף צעדערבױם, און עטינגער לערנט אײראָפּײִשע שפּראַכן (דײַטש, פּױליש) און לײענט ניט־סיסטעמאַטיש, װי דער שטײגער באַ די דעמאָלטיקע מאַסקילים, פֿאַרשײדענע ביכער פֿון די פֿאַרשײדנסטע געביטן אין דײַטש, העברעיִש, פּױליש. שױן דאַן װערט קלאָר זײַן נײגונג צו קונסט, ער מאָלט ניט שלעכט און װערט אױך באַרימט אין שטעטל װי אַ גראַמען־מאַכער און װערטל־זאָגער. די יאָרן גײען, עס קומען צו קינדער, און עטינגער הײבט אָן טראַכטן װעגן אַ טאַכלעס. ער פֿאָרט אַרױס אַרום 1825 קײן אָדעס, װוּ זײַן פֿרױ האָט רײַכע קרױװים, און זײַנע פֿרײַנט און נאָענטע רוקן אים דאָרט אַרױס פֿאַרשײדענע פּלענער: האַנדל, לערנען אַף אַן אַפּטײקער אָדער דאָקטער, — עס בלײַבט, אַז עטינגער װעט פֿאָרן קײן לעמבערג שטודירן מעדיצין. קײן לעמבערג איז עטינגער אָנגעקומען אַנערעך 1825. אָנהײב 1830 האָט ער פֿאַרענדיקט דעם קורס מעדיצין מיטן טיטל מעדיקער און אומגעקערט זיך אין זאַמאָשטש. ער האָט אָבער לױטן רוסישן געזעץ ניט געהאַט קײן רעכט צו פּראַקטיקירן, קאָלזמאַן ער האָט ניט אָפּגעגעבן עקזאַמען אין אַ רוסישן אוניװערסיטעט. עטלעכע מאָל האָט עטינגער געמאַכט אַזעלכע פּרוּװן, אין װאַרשע אַרום 1834, אין כאַרקאָװ אַרום 1845, מיט אַ קנאַפּן דערפֿאָלג צוליב פֿאַרשײדענע סיבעס. אַזױאַרום איז עטינגערן אױסגעקומען פּראַקטיקירן האַלב־לעגאַל, זײַענדיק אָנגעװיזן אַפֿן גענאָד פֿונעם מעדיצינישן אינספּעקטער און פֿונעם אָרטיקן אַפּטײקער. ניט געקוקט דערױף, האָט ער געהאַט אַ היפּשע פּראַקטיק, כאָטש די פֿאַרדינסטן זײַנען ניט געװען גרױס. אַרום 1848 האָט עטינגער געקױפֿט אַ שטיק ערד, 65 מאָרג, אין דער קאָלאָניע זשדאַנאָװ, 5 װיאָרסט פֿון זאַמאָשטש, און זיך דאָרט באַזעצט מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע. דאָ האָבן געשפּילט אַ ראָליע סײַ מאַסקילישע מאָטיװן, סײַ די פּריװילעגיע, װאָס קינדער פֿון קאָלאָניסטן זײַנען פֿרײַ געװען פֿון מיליטער־דינסט. די דאָזיקע קאָלאָניע איז געגרינדעט געװאָרן אין יאָר 1846 דורך 14 ײדישע פֿאַמיליעס, װאָס האָבן אָפּגעדונגען באַם פּירשט זאַמױסקי 592 מאָרג ערד. זײ האָבן דאָרט אױסגעבױט הײַזער מיט 4 ביז 6 צימערן, שפּײַכלער, שטאַלן א. אַז. װ. זײ האָבן אַרײַנגעלײגט אָן אַ שיר מי, װאָרעם דער באָדן איז געװען אַזױ פֿאַרװאָרלאָזט און פֿאַרמיסטיקט, אַז קײן שום אַרענדאַטער האָט ביז זײ ניט געװאָלט אָפּדינגען די ערד, כאָטש ס'איז געװען נאָענט צו דער שטאָט. פֿאַרשײדענע שװעריקײַטן און נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס, אױך די האַרטע באַדינגונגען פֿון דער אַרענדע האָבן דערפֿירט די קאָלאָניע צום אונטערגאַנג (זי האָט זיך געהאַלטן ביז אָנהײב 60־קער יאָרן). אַכוץ עטינגערן האָט זיך אין דער קאָלאָניע באַזעצט אױך זײַן פֿרײַנט, דער העברעיִשער דיכטער שיפּער.

די גרויסע צאָלֿ אַרענדירטע ערד — אַנערעך צו 46 מאָרג אַף אַ פאַמיליע — זאָגט איידעס, אַז די קאָלאָניסטן האָבן גענוצט געדונגענע אַרבעטער. עטינגער, ווי געזאָגט, האָט געהאַט אַפילע 65 מאָרג.

עטינגער איז געשטאָרבן אין זאַמאָשטש אין יאָר 1856. צענדליקער יאָרן נאָך זײַן טויט האָט נאָך אין זאַמאָשטש געלעבט זײַן אָנדענק, און פּערעץ, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין זאַמאָשטש אין יאָר 1851, דערמאָנט אין זײַנע זיכרוינעס, אַז פון זײַנער אַ מומע „האָט דאָקטער עטינגער זײַן סערקעלע געמאַכט. שרײַט שטענדיק: „אוי, מײַנע קויכעס".

### 3

עטינגער האָט אַף אַזאַ מין אויפן זיך פאָרמירט ווי אַ מאַסקיל שוין אין זאַמאָשטש, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַנערעך 9 יאָר ביז זײַן אָפּפאָרן קיין לעמבערג. ווי מיר ווייסן שוין, האָבן אין דער זאַמאָשטשער מאַסקילישער סוויווע ניט געפעלט אויך שרײַבער, נאַטירלעך אין העברייִש: דער שוין דערמאַנטער שיפער, שימשען בלאָך, קינדערפרײַנד, יאַנקעוו אייכענבוים, וואָס האָט אין זאַמאָשטש געשטעלט זײַנע ערשטע פּאָעטישע טריט א. אַנד. אַן ענדגילטיקן שטויס צום שרײַבן ייִדיש האָט עטינגער באַקומען אין לעמבערג, וואָס איז יענע יאָרן געווען אַ וויכטיקער צענטער פון דער גאַליצישער האַסקאָלע. די גאַליצישע מאַסקילים האָבן שוין דאַן געמאַכט פּרווון צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער האַסקאָלע אין דער ייִדישער שפּראַך (לעפין, פּערל א. אַנד.). אין אַ פּראָספּעקט צו אַ געפּלאַנטער אויסגאַבע פון זײַן ווערק, פאַרפאַסט אַנערעך אין די 40־קער יאָרן, האָט עטינגער אַזוי געשילדערט זײַן וועג צו דער ייִדישער ליטעראַטור:

„פאַר עטלעכע יאָר האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך. איינס האָט געהייסן „די געַנאַרטע וועלט", און דאָס אַנדערע „אַלטער לעבֿ". ביידע ביכלעך זענען איבערגעזעצט און גאָר איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דײַטש אַף ייִדיש. דאָס ערשטע הייסט אַף דײַטש „דער טאַרטיפ", און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן". — עך האָב צוגעזען, אַז די ביכלעך זענען זייער אַסאַך מענטשן געפעלן, דעהײַנע אַזעלכע, וואָס זענען גרויסע קענערס, און אַזעלכע, וואָס זענען פּראָסטאַקעס. די ערשטע, בין עך מיר מעשאַער, האָט עס געמוזט געפעלן, ווײַל זיי האָבן געזען אַזוי עפּעס, וואָס זיי האָבן נאָך ביז אַהער נישט געזען אַף ייִדיש לאָשן געשריבן; און די אַנדערע, — ווײַל זיי האָבן עפּעס געלייענט אַ מײַסע־בוך. אויבֿ די ביכלעך זענען יאָ אָדער נישט גוט געמאַכט געוואָרן, וועל עך מאַכמעס קאַמע טײַמים נישט זאָגן, נאָר דאָס וועט איטלעכער אַליין שוין אײַנזען, אַז ווייניקסטנס האָט מיר דער פּלאַן צו שרײַבן אין פּראָסטע ייִדישן לאָשן געמוזט געפעלן, וואָרעם עך האָב מיך טייקעף געפּרווט, אויבֿ עס איז אין מײַן קויעך אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לאָשן צו שרײַבן. דאָס ערשטע, וואָס עך האָב געשריבן, איז געווען איינציקע מעשאָלים און קאַטאָוועסלעך (אַף דײַטש הייסט דאָס: עפּיגראַמע). עך האָב געזען, אַז זיי זענען דעם עולעם שטאַרק געפעלן. מע האָט בא מיר צעכאַפּט אַלץ, וואָס עך האָב נאָר געשריבן, און איטלעכער האָט זעך עס



איבערגעשריבן, נאָר, ווי דער שטייגער איז, מיט סאַמע פעלערס און גרײַזן. ווי עך האָב דאָס געזען, האָב עך מיך מעיאַשעוו געווען און האָב מיר אַליין אויסגעטראַכט אַסאַך מעשאָלים און קאַטאָוועסלעך (עפּיגראַמע) און צום סאָף גאָר אַ גאַנץ טעאַטערשטיק. עך האָב מעך אָבער אַף מיר אַליין נישט געוואָלט פאַרלאָזן און האָב דאָס געשריבענע געגעבן צו לייענען זעלכע מענטשן, וואָס זענען זייער געשיקט און האָבן שוין געלייענט זייער אַסאַך ביכער אַף אַנדערע לעשוינעס, און ווידער זעלכע מענטשן, וואָס זענען גאָר פּראָסטאַקעס און קענען נישט מער נאָר דאָס ייִדישע לאָשן, קעדיי עך זאָל פון איטלעכן הערן, וואָס ער וועט דערצו זאָגן. די געשיקטע מענטשן האָבן עס געלויבט נאָך זייער שטייגער, און די פּראָסטאַקעס נאָך זייער שטייגער. ביידע האָבן אָבער מעך אָנגעהויבן צו בעטן, און בעטן מעך נאָך אַצינד זייער, אַז עך זאָל דאָס, וואָס עך האָב געשריבן, לאָזן דרוקן..."

פון דעם דאָזיקן דאָקומענט דערוויסן מיר זיך אַסאַך זאַכן. עטינגערס ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט זיך, ווײַזט אויס, אָנגעהויבן נאָך אין לעמבערג, ד. ה. צווישן 1825 — 1830. זײַנע ערשטע ווערק זײַנען געווען מעשאָלים און עפּיגראַמען, שפּעטער האָט ער פאַרפאַסט „אַ גאַנץ טעאַטערשטיק", ד. ה. די פּיעסע „סערקעלע", וואָס איז, ווײַזט אויס, אויך געשריבן נאָך אין עם לעמבערגער פּעריאָד. דעם שטויס צו שרײַבן אין ייִדיש האָבן עטינגערן געגעבן צוויי ווערק אין ייִדיש, וואָס זײַנען אַרויס פון דעם קרײַז גאַליצישע מאַסקילים: אַ באַאַרבעטונג פון ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָס האָט אין ייִדיש געהייסן „אַלטער־לעבֿ", און אַ פּיעסע „די געַנאַרטע וועלט". ביידע ווערק, וועגן וועלכע עס רעדט עטינגער, זײַנען איצט אונדז שוין באַקאַנט און באַשריבן געוואָרן (דורכן כ' מ. ווינער, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך" קיִעוו, 1930). „אַלטער־לעבֿ" איז אַ מאַסקילישע באַאַרבעטונג — און ניט סטאַם אַן איבערזעצונג — פון דעם ראָבינזאָן־ראָמאַן פון דעם ענגלישן בורזשואַזן שרײַבער ד ע פ אָ, ווײַזט אויס, לויט דער דײַטשישער איבערזעצונג פון קאַמפּע, וואָס איז דערשינען 1779. דער ייִדישער אַווטער האָט שטאַרק פאַרייִדישט דעם שטאָף (ראָבינזאָן הייסט, צ. ב., אַלטער־לעבֿ) און דעריקער, ער האָט אַף שריט און טריט אַרײַנגעוועבט בורזשואַז־מאַסקילישע קאָמענטאַריעס, אַגיטאַציע און מוסער־שטיקלעך וועגן ערדאַרבעט, מעלאָכע, בילדונג, מאָדערנער קליידונג א. אַז. וו. אַשטייגער:

„איך שרײַ מיט אַלע קויכעס: לערנט אײַערע קינדער פון יונגווײַז אויף מעלאָכעס און כאָכמעס, געווינט אײַערע קינדער פון יונגווײַז אָן גוטע מידעס, שיינע מײַלעס. גוואַלד געשריגן! נעמט אײַך פון מיר די רײַע, מע קען ניט וויסן, וואָס אַף זיי קען קומען. ערשט אַצינד פאַרשטיי איך און זאָג עס אײַך, אַז דאָס גרויסע אָרעמקײַט און עלנטקײַט, וואָס מע געפינט צווישן אונדזער אומע, איז נאָר, ווײַל מיר זײַנען מעוואַזע אַלצדינג, וואָס איז אַ כאָכמע אָדער מעלאָכע..."

דאָס צווייטע ווערק, די פּיעסע „די געַנאַרטע וועלט", איז ניט אַן איבערזעצונג פון מאָליערס „טאַרטיוף". עס איז אַן אָ ר י ג י נ ע ל ע ייִדישע פּיעסע, כאָטש דאָרט שפּילט, עמעס, אַ גרויסע ראָליע דער טאַרטיוף־מאָטיוו. זי איז פאַרפאַסט דורך אַ גאַליצישן מאַסקיל אַרום 1816, און איר אינהאַלט איז אַנערעך אַזאַ:

א רייַכער, אביסל מאָדערניזירטער סויכער אינ רוסלאנד האָט כאסענע געהאט א צווייט מאָל מיט א מארשאס, א „פייַנע בעריעטע"; זי רוידעפט דעם סויכערס פלעמעניצע, א יעסוימע, וואָס ווערט דערצויגנ בא זיי אינ שטוב. דער סויכער האָט פונ דער ערשטער ווייַב א זונ, וואָס איז אָנגעשטעקט פונ די האסקאָלע־אידייענ אונטער דער ווירקונג פונ דעם אופגעקלערטנ בוכהאלטער פונעם סויכער. דער זונ איז פארליבט אינ דער אָרעמער יעסוימע, אָבער זייַנ שטיפמוטער וויל אים כאסענע מאכנ מיט איר טאָכטער פונעם ערשטנ מאנ, א מיעסע אלמאָנע. אינ שטוב דרייט זיכ ארומ א כאָסיד א צוויאק, דער מעלאמעד פונעם באָכערל, וואָס טראכט אלייג כאסענע האָבנ מיט דער יעסוימע. די יעסוימע איז, נאטירלעכ, פארליבט אינעמ זונ פונעמ סויכער. צום סאָפ ווערנ דעמאסקירט פארשיידענע מיעסע אופטוענ פונעמ מעלאמעד, אונ דער זונ האָט כאסענע מיט דער יעסוימע.

אינ דער „גענארטער וועלט" איז, אלזאָ, ווירקלעכ פאראנ א טארטיופ־מאָטיוו — די פיגור פונעמ צוויאקישנ כאָסיד־מעלאמעד, ענלעכ ווי בא מאָליערנ, אונ אונטער דער דירעקטער ווירקונג פונ דער פיעסע פונעמ דייַטשישנ מאסקיל ארנ וואָלפזאָנ „לייַכטזינ אונד פרעמעליי" (לייַכטזיניקייט אונ צוויַעס, 1796), ווו ס'פיגורירט אנ ענלעכע מעלאמעד־געשטאלט. די גאליצישע פיעסע האָט אויכ א ריי אנדערע אנטלייונגענ פונ וואָלפזאָנס פיעסע [1]. ווי אינ אסאכ אנדערע האסקאָלע־פיעסעס, זייַנענ דאָ די פאָזיטיווע געשטאלטנ א רייַכער אופגעקלערטער סויכער אונ א בורזשואזער אינטעליגענט — דער אופגעקלערטער בוכהאלטער. אפ זיי אָריענטירט זיכ דער אווטער, זייער אידעאָלאָגיע קומט דאָ צום אויסדרוק. ווי אינ אנדערע האסקאָלע־ווערק, זייַנענ אויכ דאָ אייַנגעפלאָכטנ פארשיידענע מאסקילישע פראָפאגאנדע־שטיקלעכ, — קעגנ כסידעס, קעגנ דער אָרטאָדאָקסיע אונ אירע פארפאָלגונגענ פונ דער האסקאָלע, פאר מעלאָכע, פאר „ערלעכנ האנדל" אונ קעגנ לופט־פארנאָסעס, פאר בילדונג, קעגנ צוואנג־שידוכימ א. אז. וו. א נייַס אינ פארגלייַכ מיט די פיעסעס פונ די בערלינער מאסקילימ איז די שפראכ פונ דער גאליצישער „גענארטער וועלט", וואָס איז דורכויס געשריבנ אינ יידיש, בעשאס די בערלינער קאָמעדיעס זייַנענ צום טייל געשריבנ אינ דייַטש (דער נייַער דאָר רעדט דייַטש, אויכ די רעמארקעס פונעם אווטער זייַנענ אינ דייַטש).

די גאליצישע פיעסע האָט געדינט ווי א מוסטער פאר עטינגערס „סערקעלע"; אזוי צ. ב. איז די „פייַנע בעריעטע" א פראָטאָטיפ פונ דער סערקעלע־געשטאלט; פונ דער יעסוימע וועט ווערנ הינדע; פונעם בוכהאלטער וועלנ אייניקע שטריכנ איבערגעגעבנ ווערנ מארקוסנ; עטינגער נעמט אפילע איבער גאנצע זאצנ פונ דער גאליצישער פיעסע; אָבער די אנטלייונגענ ווערנ בא עטינגערנ דורכויס אָריגינעל איבערגעארבעט, אונ קינסטלעריש שטייט „סערקעלע" אָנ א פארגלייַכ העכער פונ דער נאָכ היפש רויער, האמעטנער אונ כאאָטישער „גענארטער וועלט". איבעריקנס, האָט עטינגער גוט געקאָנט אויכ וואָלפזאָנס פיעסע, אונ פונ דאָרט צ. ב. גענומענ דעם נאָמענ אונ א ריי שטריכנ פונ זייַנ פאָזיטיוונ העלד מארקוס.

[1]) פארגל. אונדזער אויסגאבע: „די קאָמעדיעס פונ דער בערלינער אופקלערונג", קיעוו 1933, 188 ז., ווו ס'זייַנענ פארעפנטלעכט אייכלס „רעב הענעכ" אונ וואָלפזאָנס „לייַכטזינ אונ פרעמעליי".



די ווירקונג פונ דער גאליצישער „גענארטער וועלט" פילט זיכ אויכ אינ עטינגערס צווייטער, ניט פארענדיקטער פיעסע „דער פעטער פונ אמעריקע", ווו דער מעלאמעד אונ שאדכנ ר' זונדל דערמאנט שטארק דעמ מעלאמעד פונ דער אנאָנימער „גענארטער וועלט". צום פארגלייַכ ברענגענ מיר צ. ב. די פאָלגנדיקע פאראלעלנ:

| „גענארטע וועלט", ז. 46 — 47 | עטינגער, דער „פעטער אינ אמעריקע" |
| --- | --- |
| דער מעלאמעד: | ר' זונדל: |
| „איכ בינ (מיט גאדלעס) א באלטפילע, א באלטעקייע, א שויכעט, א מויעל, א שרייַבער, א שניצער, א מאָלער, וואָס דו ווילסט הערנ אונ געדענקענ, בינ איכ אלצ באָרעכהאשעמ". | „... וואָרנ, ווי איר קוקט מיכ אָנ, בינ איכ דאָס א זדאטנע ייִד. איכ קענ אלצ; איכ בינ א מעלאמעד, א קוירע, א מויעל, א שאדכנ, א באלטעקייע, א כאזנ, קענ שניצנ מענוירעס, גרעגער, האָמענ־קלעפערלעכ אונ בייַשטידלעכ צו מעזוזעס, פלעכטנ האדאסימ אונ האוודאָלעס, גיסנ כאנוקעלעמפלעכ אונ דריידלעכ, קנייטשנ פאפירענע לאנטערלעכ, קענ מאכנ רייזעלעכ אפ שוועס אויס ריבנ־שאָלעכצ; בעקיצער קאָל האקיצורימ, איכ בינ מיר מיט דעמ דאָזיקנ דאָס טאקע א זדאטנע ייִדל..." |

אפ נאָכ איינ וויכטיקנ אָנווייַז אינ עטינגערס פראָספעקט דארפ מענ אופמערקזאמ מאכנ: לעווינזאָנ, אקסענפעלד אונ אסאכ אנדערע מאסקילימ האָבנ מיט זייערע יידישע ווערק געהאט אינ זינענ „פראָסטאקעס", דעמ האמויג. די אידעאָלאָגנ פונ דער אופקומענדיקער יידישער בורזשואזיע האָבנ אפ אזא מינ אויפנ געשאפנ א ליטעראטור ניט אזויפיל פארנ אייגענעמ געברויכ, נאָר ווי א פראָפאגאנדע־מיטל צווישנ די פאָלקס־מאסנ. אנדערש עטינגער: ער שרייַבט שוינ סיי פאר „זעלכע מענטשנ, וואָס זענענ זייער געשיקט אונ האָבנ שוינ געליינט זייער אסאכ ביכער אפ אנדערע לעשוינעס", סיי פאר „זעלכע מענטשנ, וואָס זענענ גאָר פראָסטאקעס". דאָס האָט זיכ אָפגעשפיגלט אינעמ גאנצנ סטיל פונ עטינגערס שרייַבנ: עטינגער באנוגנט זיכ שוינ ניט מיטנ פאָלקסטימלעכנ יידיש, ער נעמט אימ ווי א באזע פאר א ליטעראַרישנ יידיש, ער פייַלט די שפראכ אונ מייַסטערט זי, קעדיי זי זאָל באפרידיקנ אויכ די עסטעטישע באדערפענישנ פונ זייַנ אייגענעמ שיכט, אונ שאפט אפילע א ריי נייַע ווערטער אונ טערמינענ. עטינגער שאפט, צ. ב., דעמ אויסגעצייכנטנ טערמינ „זוכצעטל" (אינהאלט־פארצייכעניש, אינדעקס); ער שאפט די טערמינענ: קאטאָוועסל (עפיגראמ), אופצי (אקט), ארייַנקומ (סצענע), אונ אזא מינ לאבאָראטאָרישע ארבעט איבער דער פארפולקומונג פונ דער יידישער שפראכ גייט אָנ בא עטינגערנ קעסיידער אינ אלע זייַנע ווערק.

דער גוירל פונ עטינגערס ווערק איז דער גוירל פונ קימאט אלע אנדערע מאסקילישע ווערק אינ יידיש אינ דער פאררעפאָרמ־עפּאָכע: עטינגער האָט, ניט געקוקט אפ די פארשיידנסטע באמיונגענ, ניט געקאָנט זיכ דערשלאָגנ זיי אָפצודרוקנ. די צארישע צענזור האָט געשטעלט ווילדסטע פאָדערונגענ, וואָס האָבנ געדראָט אינגאנצנ פארקריפלענ דעמ זינ פונ זייַנע ווערק. אינ זייַנע מעשאָלימ האָט די צענזור געפאָדערט ניט צו דערמאנענ דאָס וואָרט „מיילעכ" ווי אנ עפיטעט פונעמ לייב, וואָרעמ

דאָס קאָנ נאָכ אמאָל אָנרירנ דעמ קאָוועד פונ צאר אונ ברענגענ צו רעפּובליקאנישע אידייענ. עטינגער שרײַבט: „אסאכ גרויסע לײַט שמועסנ, אונ ווייסנ ניט, פונ וואָס אונ פונ וועמענ" — דאָס טויג ניט, סע באקומט זיכ, אז גרויסע לײַט פּלוידערנ. די צענזור האָט געשטראָכנ עטינגערס אָנפאלנ קעגנ דער כסידישער באוועגונג. אינ „סערקעלע" האָט די צענזור געפאָדערט ארײַנפירנ קאָרעוו הונדערט ענדערונגענ, אײַנזעענדיק אינ אייניקע ערטער אָנפאלנ אפ דער קריסטלעכער רעליגיע, אָדער שטעלנ, וואָס קאָנענ אויסגעטײַטשט ווערנ קעגנ דער הערשנדיקער פּאָליטישער אָרדענונג, אָדער „ניט מאָראלישע" ערטער (אָנשטאָט א „קוש" האָט צ. ב. דער „מאָראלישער" צארישער צענזאָר געפאָדערט ארײַנשטעלנ „א גלעט"). ערשט נאָכ עטינגערס טויט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דרוקנ זײַנע ווערק. זיי האָבנ אָבער אינ האנטשריפטלעכע קאָפּיעס ברייט קורסירט אינ רוסלאנד, פּוילנ, גאליציע זינט די 30־קער יאָרנ אונ זײַנענ באקאנט געווענ דער מאסקילישער אודיטאָריע. „סערקעלע" איז אפילע עטלעכע מאָל אופגעפירט געוואָרנ אינ מאסקילישע קרײַזנ, אזוי צ. ב. אינ מאָליעוו באמ דניעסטער, ווו אייכענבוימ אליינ האָט געשפּילט די ראָל פונ יויכענענ דעמ שאדכנ, אינ דער זשיטאָמירער ראבינער־שול — אינ יאָר 1863, ווו די ראָל פונ סערקעלענ האָט געשפּילט גאָלדפאדנ, דער שפּעטערדיקער גרינדער פונעמ ייִדישנ טעאטער. גאָלדפאדנס ערשטע פּיעסע „די מומע סאָסיע" (1869) איז טאקע שטארק באווירקט פונ עטינגערס „סערקעלע".

נאָכ פאר די 60־קער יאָרנ האָבנ עטינגערס שריפטנ געהאט א היפשע ווירקונג אפ דער אנטוויקלונג פונ דער מאסקילישער ליטעראטור. דאָס איז נעגייע צ. ב. דעמ ליטערארישנ שאפנ פונ א. ב. גאָטלאָבער, וואָס האָט זיכ אינ 1837 באקענט אינ זאמאָשטש מיט עטינגערנ, אונ שוינ א יאָר שפּעטער, 1838, אָנגעשריבנ זײַנ פּיעסע „דער דעקטוכ" אונ אויכ א ריי מעשאָלימ אונ לידער, אָנגערעגט פונ עטינגערס שריפטנ. עטינגער איז געשטאנענ אינ א שריפטלעכער פארבינדונג מיט לעווינזאָנענ, אונ זייער קאָרעספּאָנדענצ האָט געהאט בעדייע צו פארעפנטלעכנ שאָלעמ־אלייכעמ; אקסענפעלדנ זײַנענ געווענ באקאנט עטינגערס ווערק. עטינגערס טאלמיד איז געווענ עפראימ־פישל פישלזאָנ, אונ אינ זײַנ „טעאטער פונ כסידימ" (1839) געפינענ מיר אָפּהילכנ סײַ פונ „סערקעלענ", סײַ פונ אנדערע זאכנ עטינגערס (אשטייגער, צוויי שורעס פונ עטינגערס ליד „אסוסאָ"). עטינגער איז אויכ געווענ פארבונדנ מיט דעמ ווארשעווער קרײַז מאסקילימ, אונ זײַנע פרײַנט זײַנענ געווענ אײַזנבוימ, דער שוינ דערמאנטער רעדאקטער פונעמ „בעאָבאכטער אנ דער ווייכסעל", טוגענדהאָלד א. אנד. אזויארומ, איז עטינגערס ליטערארישע טעטיקײַט א וויכטיקער קנופּ־פּונקט אינ דער געשיכטע פונ דער גאנצער האסקאָלע־ליטעראטור, אונ ביפראט פונ דער ייִדישער דראמאטורגיע.

## 4

די ערשטע זאכנ, וואָס עטינגער האָט געשריבנ, זײַנענ, אלזאָ, געווענ מעשאָלימ אונ עפּיגראמעס. ניט צופעליק האָט עטינגער זיכ פריִער פאר אלצ געווענדעט צומ מאָשל, אונ ניט צופעליק פארנעמענ די 67 „מעשאָלימ אונ קליינע מײַסעלעכ" אזא באדײַטנדיק אָרט אינ זײַנ שאפנ. מעשאָלימ זײַנענ א באליבטער זשאנר פונ דער



האסקאָלע־ליטעראטור, אונ די מערהײַט מאסקילישע שרײַבער האָט פארפאסט מעשאָלימ, אָנהייבנדיק פונ מענדעלסאָנענ, וואָלפזאָנענ ביז עטינגערנ אונ גאָטלאָבערנ. מעשאָלימ זײַנענ א פּאָפּולערער אונ פארשפּרייטער זשאנר בא די שרײַבער פונ דער אופשטײַגנדיקער בורזשואזיע אונ פונעמ ליבעראלנ פּריצנטומ אינעמ 17־טנ אונ 18־טנ י. ה., אָנהייבנדיק פונ דעמ פראנצויזישנ בורזשואזנ שרײַבער לאפאָנטענ (1621—1695), וואָס פּאסט זיכ נאָכ צו כאניפעדיק צומ געשמאק פונ דער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע, איבער דעמ קעמפערישנ אופקלערערישנ מאָשל פונ לעסינגנ, ביז דעמ ליבעראל־פּריצישנ מאָשל פונ קראשיצקי אינ פּוילנ אונ סומאראָקאָוו, כעמניצער, איזמײַלאָוו, דמיטריִעוו אונ קרילאָוו אינ רוסלאנד. דער מאָשל, ווי די מײַסעלע, איז אופגעקומענ אינ די טיפענישנ פונעמ וועלט־פאָלקלאָר אונ האָט דורכגעמאכט אינ דער ליטעראטור אינ מעשעכ פונ פיל יאָרהונדערטער אנ אייגנארטיקע עוואָליוציע, איבערגעלעבט גרויסע פעריִאָדנ פונ אופבלי אונ ירידע; אונ אויב דער 17־טער אונ 18־טער י. ה. זײַנענ, צומ בײַשפּיל, בלי־פעריִאָדנ פונעמ מאָשל מיט אזעלכע גרויסע נעמענ, ווי לאפאָנטענ, לעסינג, קראשיצקי, קרילאָוו, איז שוינ דער 19־טער י. ה. געווענ א פעריִאָד פונ טיפער ירידע פונ אָט דעמ זשאנר; אָבער סײַ דער אופשטײַג, סײַ די ירידע פונ זשאנרענ זײַנענ סאָציִאל דעטערמינירט, באקומענ זייער דערקלערונג אינעמ אייגנארטיקנ גאנג פונעמ קלאסנקאמפ אונ זײַנ אויסדרוק אינ דער ליטעראטור.

פארנ מאָשל איז צ. ב. כאראקטעריסטיש ניט בלויז זײַנ אופשטײַג אינ 17־טנ אונ 18־טנ י. ה. אונ שפּעטערדיקע ירידע, נאָר אויכ דער פאקט, אז זײַנ אופשטײַג אונ פּאָפּולערקײַט רוקט זיכ אריבער אינ מעשעכ פונ די צוויי יאָרהונדערטער פונ מײַרעוו אפ מיזרעכ, פונ פראנקרײַכ, ווו זײַנ הייכ־פּונקט איז דער 17־טער י. ה., איבער דײַטשלאנד, ווו זײַנ בעסטע צײַט ווערט פארענדיקט ארומ די 70־קער יאָרנ פונעמ 18־טנ י. ה., צו פּוילנ אונ רוסלאנד, ווו זײַנ בלי־צײַט איז דער סאָפ פונ 18־טנ אונ אָנהייב 19־טנ י. ה., וואָרעמ אומעטומ אינ די דאָזיקע לענדער איז דער אופשטײַג פונעמ מאָשל פארבונדנ מיטנ אָנהייב פונעמ אופשטײַג פונ דער בורזשואזיע אונ מיט די ערשטע גרופּעס פּריצימ, וואָס ווערנ פארבירגערלעכט אונ באקומענ ליבעראלע שטימונגענ. אינעמ מאָשל באקומט א פּאסיקע פאָרמ דער ערשטער נאָכ שטארק באשיידענער אונ ניט אנטשלאָסענער פּראָטעסט פונ אָט־אָ די געזעלשאפטלעכע גרופּעס. אינ פּראָצעס פונ ווײַטערדיקנ אופשטײַג פונ דער בורזשואזיע באפרידיקט זי שוינ ניט די שטארק באגרענעצטע ראמ פונ מאָשל, עס הייבט זיכ אָנ זײַנ ירידע אינ די מער פאָרגעשריטענע לענדער אונ זײַנ נײַער אופשטײַג אינ די מיזרעכדיקע מער פּרימיטיווע סאָציִאל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ.

דער מאָשל־זשאנר פארמאָגט טאקע א ריי אייגנשאפטנ אונ מעגלעכקײַטנ, וואָס קאָנענ ברייט אויסגענוצט ווערנ דורכ דער אופקומענדיקער בורזשואזיע אפ איר ערשטנ עטאפּ. אויב דאָס מײַסעלע איז ברייט אויסגענוצט געוואָרנ דורכ דער פעאָדאל־רעליגיעזער ליטעראטור, האָט די בירגערלעכע ליטעראטור גלײַכ פונ אירע ערשטע טריט זיכ אָנגעכאפּט פארנ מאָשל. דאָס מײַסעלע האָט זיכ מער געשטיצט אפ דער פאנטאזיע, דער מאָשל אָבער — אפ דער דערפארונג. די מײַסע האָט פארקניפּט די פארגאנגענהײַט מיט דער צוקונפט, אונ ס'ראָוו אויסגעמיטנ די קעגנווארט, — זי איז אינ איר קלעריקאל־פעאָדאלער באפארבונג געווענ א ליטערארישער

דראַמאַטיזירט דעם מאָשל און פּוצט אים אויס מיט א יאַם שטייגערדיקע דעטאַלן. און ענלעך ווי עטינגער שטייט אידעאָלאָגיש צווישן לאַפאָנטענען און לעסינגן, איז אויך די פאָרם פון זײַנע מעשאָלים א פאַרמיטלענדיקע — די באַלערונג, די מאָראַל איז נאָך אַלץ דער הויפּט־ציל פון זײַן מאָשל, אָבער די שטייגערדיקע באַשרײַבונג און דער הומאָריסטישער דיאַלאָג קומען אין א גענוגנדיקער מאָס צום אויסדרוק.

## 5

אין עטינגערס מעשאָלים קומט דײַטלעך צום אויסדרוק זײַן קלאַסן־אידעאָלאָגיע, זײַן לעבן־און וועלט־באַנעם. עס איז א בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, שטאַרק באַגרענעצט, שטאַרק פּיליסטעריש־באַלעבעסלדיק. עטינגערס מאָראַליזירן דערהייבט זיך אָפט ניט העכער פון יענער באַלעבאַטיש־באַגרענעצטער „פילאָזאָפיע", וואָס שטאַרצט אַרויס פון אַזעלכע ווערטלעך פון מענאַכעם־מענדלס שוויגער, ווי: „קרעפּלעך אין כאָלעם זײַנען א כאָלעם, ניט קרעפּלעך", אָדער „גיי ניט גיך, וועסטו ניט צערײַסן קיין שיך". אַזוי־אַרום, באַקומען זיך בא עטינגערן אַזעלכע אויספירן פון זײַנע מעשאָלים: „ווײַל ניט פאַר איטלעכן פּיצל טייקעף יענעם אָפּטון א שפּיצל" („דער האָן"), „עס איז בעסער מיט גוטן צווישן זיך צו פאַרגלײַכן" („דער שאָליש"), „האָט דיר גאָט פּאַרנאָסע געגעבן, לאָז־זשע דײַן כאַווער לעבן דיר לעבן" („טעמערל מיט דעם האָן"), „פאַר א נאַר איז שוין דאָס אויך גענוג, אַז ער ווערט כאָטש נאָך דעם שאָדן קלוג" („נעפּטון מיט זײַן אייניקל"), „ווער עס גראָבט א גרוב אונטער זײַן כאַווערס שטוב, פאַלט זיך אַזוי פײַן אַליין אין אים אַרײַן" („דער וואָלף מיט דעם אייזל"). אין די „צוויי צאַפּעס" קומט מיטאַמאָל אַן אויספיר, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו זוכן גליקן אַף דער וועלט, מע דאַרף זיצן אינדערהיים:

„נישט איינער איז אַזוי קלוג
און האָט אַלץ נישט גענוג,
און לאָזט זיך גאָר אַוועק,
וווּ די וועלט האָט אַן עק...
דערנאָך קומט ער אָבער צוריק,
אַקוראַט מיט דעם אייגענעם גליק..."

דער זעלביקער געדאַנק ווערט אַרויסגעזאָגט אין אַ מאָשל „דער „אינדיק":

„עמעס, דו מעגסט דיר אַמאָל אַף א צײַט
אַביסל א וואַנדער געבן צווישן לײַט,
נאָר טאָרסטו אָן דעם אָרט ניט פאַרגעסן,
וווּ דײַנע אָוועס זענען געזעסן;
דאָ, וווּ דו ביסט געבוירן,
דאָ זאָלסטו ווערן פאַרלוירן".

עס קומט אין אַזעלכע מעשאָלים צום אויסדרוק בורזשואַ־פּראָווינציעלע זעלבסט־צופרידנקײַט, זאַטקײַט, באַרויִקטקײַט. וועגן לעסינגס מעשאָלים שרײַבט פראַנץ מערינג:



„די דאָזיקע מעשאָלים דינען ווי קליינקאַליבערדיקער וואָפן, וואָס איז טיילווײַז געווענדעט אויך קעגן פרידריכס דעספּאָטיזם. ווי וויציק ווערן אויסגעלאַכט פרידריכס פּרעטענזיעס אַף אַלץ וויסן און אין אַלץ זיך אַרײַנמישן אין די „מאַטאָנעס פון די פייען"... אָדער ווי מוטיק זאָגט לעסינג דעם עמעס, וועלכן ס'האָבן ניט געוואַגט אַנטפּלעקן די פּיליסטערס פון זײַן צײַט, ווען ער אַנטדעקט אין עם אַלטן מאָשל וועגן די פרעש, וואָס האָבן געבעטן א מיילעך, „צוויי נײַע גרויסע עמעסן: 1. די נאַרישקײַט צו וועלן האָבן א מיילעך ביכלאַל. 2. די נאַרישקײַט ניט צו באַפרידיקן זיך מיט א פאַרשלאָפענעם אומעטיקן מיילעך און וועלן אַוועקזעצן אַפן טראָן אַן אומרויִקן קאָפּ".

בא עטינגערן וועלן מיר דאַקעגן ניט געפינען קיין שום אַרויסטרעטונג קעגן אַבסאָליוטיזם. דער קיניג, וואָס ווערט דאָ פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פונעם לייב, איז א מין אויפגעקלערטער מאָנאַרך, וואָס רעגירט מיט א פעסטער האַנט, אָבער מיט גערעכטיקײַט די וועלט פון זײַנע אונטערטאַנען („די קונצנמאַכערס", „דעם לייבס טויט", „דאָס פערד מיט דעם האָז"). אין דעם גרויסן מאָשל די „שמאַטעס" קומט א לאַנגער מוסער־אויספיר מיט ענערגישער פאַרטיידיקונג פון דער צאַרישער רעקרוטשינע:

„קוקטס אָן די ייִדן אין אַנדערע מעדינעס!
לוסטיק און פריילעך
דינען זיי דעם מיילעך
מיט זייער גוף און זייער נעשאָמע,
צי איז שאָלעם צי איז מילכאָמע..."

און פאַרענדיקט ווערט:

"... זײַ נאָר טאָמיד אָנגעגרייט
צו לויפן אַפילע אין פײַער אַרײַן,
אויסצופירן דעם מיילעכס פּלאַן;
וואָרן די גוטע, וואָס גייען אין קרוינען,
ווייסן שוין איטלעכן ווי צו באַלוינען".

די גרויזאַמע צאַרישע רעקרוטשינע ווערט דאָ פאָרגעשטעלט ווי אַן אידיליע, און עטינגער שטייט דאָ אַף מער רעכטע פּאָזיציעס אַפילע ווי לעווינזאָן און אַקסענפעלד, וואָס האָבן, ווי מיר ווייסן, אויך פּרינציפּיעל פאַרטיידיקט די רעקרוטשינע. לעווינזאָן האָט פּאָרט געגעבן א שאַרפע קריטיק פון יענעם אויפן, ווי די גאַנצע לאַסט פון דער רעקרוטשינע ווערט אַריבערגעוואָרפן אַף די פּלייצעס פון דער אָרעמשאַפט, ניט פאַרשטייענדיק, נאַטירלעך, אַז דאָס איז ניט קיין אויסנאַם, ניט קיין מיסברויך לעגאַבע דעם געזעץ, נאָר ליגט אין סאַמע מעהוס פונעם צאַרישן רעזשים. אַקסענפעלדס פּאָזיציע איז אַסאַך אײַנגעהאַלטענער, דאָך איז עפּעס דערפון פאַראַן אין יענער זעלבסטקריטיק, וואָס ווערט אַנטפּלעקט בענעגייע אַרן קלוגער. אין עטינגערס „שמאַטעס" איז פון דעם אַלעמען קיין זייכער ניטאָ. דאָס שטימט מיט אַזעלכע מעשאָלים, ווי די „צוויי פערדלעך" אָדער „דער לייב מיט די זין", וווּ עטינגער באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון דער סאָציאַלער ניט־גלײַכקײַט אין דער געזעלשאַפט, און זײַן אויספיר איז:

„נישט איינער לאָזט אראָפּ די נאָז,
ווײַל ער האָט איבער זיך א באַלעבאָס,
און מאכט זיך אליינ גאָר פארגעסנ,
אז דער באַלעבאָס גיט אים צו עסנ,
און וויל נאָר אלץ אינײנעם דערקלערנ,
ווי ער זאָל דעם באַלעבאָס פּאָטער ווערנ;
דערפאר ליגט ער אָבער אינ דער ערד,
ווי אונדזערע צוויי פארשארטע פערד”.

(„די צוויי פערדלעך”)

דער זעלביקער מאָשל איז אינ טאָכ א בײזער פּאמפלעט קעגנ יעדנ פרווו צו ענדערנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג.

און ענלעכ איז דער אויספיר פונעם מאָשל „דער לײב מיט די זינ” וועגנ דעם האָרעפאשניק, אז

„ער איז שוינ מיט דער ארבעט געוווינט,
און מיט דער ארבעט איז ער שוינ באַלוינט”.

די פיזיאָנאָמיע פונעם בורזשוא־עקספלואטאטער טרעט דאָ ארויס נאקעט־הויל, אינגאנצנ ניט פארמאסקירט, מיט איר גאנצער זאטקײַט און זעלבסטצופרידנקײַט. קלאסנ־שאָלעם פרײדיקט עטינגער אויכ אינ דעם מאָשל „דאָס פערד מיט דעם האָז”.

דערפונ דארפ ניט געמאכט ווערנ דער אויספיר, אז בא עטינגערנ איז ביכלאל ניטאָ קיינ שום פּראָגרעסיווע שטריכנ, קיינ שום שפור פונ קעמפערישקײַט, פונ קריטיק פונעם פארצויגענעם פעאָדאליזם. עטינגער איז אנ אידעאָלאָג פונ א בורזשואזנ שיכט, וואָס האלט נאָכ אינ אופשטײַג, און וואָס זײַנ עצעם אופשטײַג פּאָדערט אראָפּצוראמענ און ענדערנ א רײ פעאָדאלע אינסטיטוציעס, פּאָרשטעלונגענ און זיטנ. עטינגערס וועג איז ניט קיינ רעוואָליוציאָנערער וועג; ער טראכט ניט וועגנ א רעוואָליוציאָנערנ אראָפּראמענ דעם פעאָדאליזם, נאָר וועגנ א פאמעלעכדיקער עוואָליוציאָנערער ענדערונג און צופּאסונג פונ די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ צו די באדערפענישנ פונ דער בורזשואזיע. אזויארום, גיט עטינגער אינ די „צוויי ציגנ” א פארטײדיקונג פונ. דער נײַער האסקאָלע־ליטעראטור; אינ דער „קאטשקעלע” טרעט ער ארויס קעגנ דער אלטפרענקישער יידישער דערציִונג, ווו דער אידעאל איז, אז אלע קינדער זאָלנ זײַנ ראבאָנים, און ס'איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז עטינגער טרעט ניט ארויס קעגנ דעם ראווינιזם ביכלאל אָדער קעגנ דער רעליגיעזער דערציִונג ביכלאל, — ער אגיטירט בלויז, אז קינדער, וואָס טויגנ ניט פאר א בעסערער דערציִונג, דאָס הייסט די קינדער פונ דער אָרעמשאפט, זאָלנ בעסער לערנענ מעלאָכע. אינעם אויסגעצייכנטנ מאָשל „די פרומע בערנ” — עטינגערס בעסטנ מאָשל — האָבנ מיר א שארפנ אנטיקלעריקאלנ מאָטיוו (ווידעראמאָל ניט קעגנ רעליגיע, נאָר קעגנ צוויאקישנ קלער), און מיט א דעמאָקראטישער טענדענצ (אלע זינד געפינט מענ ניט בא די טאקיפים, נאָר בא דעם בידנעם מײַזל). אינ דער „אסיפע”, אינעם „הוילעכ ראָכיל” געפינענ מיר שארפע אָנפאלנ קעגנ צאדיקים און כסידים, קעגנ דאָס גרויסנ זיכ מיט ייִכעס, מיט אזעלכע שארפע און שארפזיניקע שורעס:



„איצט איז דער פוקס שוינ בייז געוואָרנ
און זאָגט צום אייזל מיטנ גרויסנ צאָרנ:
„גיי דו צו אלע רוכעס
מיט דײַנ פארשיווע ייִכעס!
הערסטו, דו גרויסער שויטע, דו אזעס־פּאָנעמ!
אפ אייזלענ זײַנענ טאקע געריטנ צאדיקימ, ראבאָנימ,
אָבער עצ אייזלענ בלײַבטס טאָמיד נאראָנימ...”

(„די אסיפע”)

א ביז גאָר שארפנ אָנפאל קעגנ רעליגיעז־פעאָדאלנ ייִכעס האָבנ מיר אינ „די שמאַטעס”, און צוויאקעס כאפּנ אנ אָפּשניט אינ א רײ עטינגערס מעשאָלימ; ביפראט אינ דער אויסגעצייכנטער „וויטעלע” (א ייִדישע וואריאציע פונ א באליבטנ מאָטיוו אינ „דער ליטעראטור פונ 17־טנ און 18־טנ י. ה. פארגל. מאָליער אינ „מיזאנטראָפּ”, III, 5; געלערט „די בעט־שוועסטער”; קראשיצקי „דעוואָטקא” א. אנד.). אינ די „צוויי הענער” לאכט אויס עטינגער דעם פילפל, אינ די „שיידימ” — די אמעראצישע מעלאמדימ; אינ „דאָס פאנעלע” אגיטירט ער פאר ערדארבעט. ענלעכע שארפע טענער געפינענ מיר אינ עטינגערס עפיגראמעס און קאטאָוועסלעכ, אשטייגער, אינ זײַנ פּאמפלעט „דער ראָש האקאָהאָל”:

„איכ מעג טונ, וואָס איכ וויל,
איטלעכער מוז שווײַגנ שטיל.
דעמ גיב איכ א ריס,
דעמ גיב איכ א ביס,
דעמ זאָג איכ: „שווײַג”,
דעמ ווײַז איכ א פײַג,
דעמ הייס איכ אויס דער שטאָט ארויסטרײַבנ,
דעמ—אינ דער קאָנסקריפּציע [1] ארײַנשרײַבנ,
דעמ הייס איכ ארויסטרײַבנ אויס דער דירע,
אפ דעמ זאָג איכ מיר א שטיקל מעסירע...”

עטינגערס פּאָרזיכטיקע, פשאָרעדיקע אופקלערערײַ שפיגלט זיכ אָפּ אויכ אינ דער פאָרמ פונ זײַנע מעשאָלימ. אינ לעסינגס מעשאָלימ יאָגט די דערציילונג גלײַכ צומ אופקלערערישנ אויספיר; דערפונ די געפרעסטקײַט, קאָנצענטרירטקײַט, אָפּט לאקאָנישקײַט פונ לעסינגס מעשאָלימ. עטינגער האָט שוינ פיל מער האנאָע פונ דער דערציילונג גופע, ער באשטאט זי מיט אסאכ שטייגערישע פּראָטימ, מאכט זי פארביקער און קאָנקרעטער. דער פּאָרטרעט פונ די העלדנ פונעמ מאָשל איז נאָכ אלצ לאקאָניש: „נעפּטונ דער אלטער הונט”, „א פיקסל פונ די ווילדע יונגענ”, „פונ איידיק אָנ א גרויסער פרעסער און א ניט־פארגינער דערצו”, „צוויי אלטע ציגנ, גערעכטע נאראָנימ, וואָס דער נאר ליגט זיי אפנ פּאָנעמ”, „א פוקס, א כאָכעמ פונ אלטע צײַטנ”, „צו דער פלײַסיקער בינ זאָגט זיכ די פוילע הונ” א. אז. וו. שטייגערדיק־קאָלאָריסטיש ווערט דאקעגנ אויסגעשטאט די עצעמ האנדלונג, און דעריקער זי ווערט דראמאטיזירט, די דיאלאָגנ ווערנ אינדיווידואליזירט, מיט א דראנג, ווי בא לאפאָנטענ, צו דער קאָמעדיעארטיקער שילדערונג, און פונדאנענ עפנט זיכ

[1] ליסטע פונ רעקרוטנ.

פאָרמעל א פענצטערל צו עטינגערס דראמאטורגיע, צו „סערקעלע". א מוסטער פון דראמאטיזירטן מאָשל איז צ. ב. „דאָס פארזועניש".

דאָס הייסט ניט, אז דער מוסער־אויספיר, דער מאָראליש־באלערנדיקער אויספיר פארלירט בא עטינגערן זײַן באדײַטונג. זי איז נאָך אלץ גרויס, און א ריי מעשאָלים ווערן באגלייט מיט לאנגע מוסער־טיראדעס. אפ דער באטאָנונג פון דער אופקלערערישער מאָראל זאָגט אויך איידעס דער פאקט, אז אָפטמאָל האָט דער אויספיר קיין שום שײַכעס ניט צו דער עצעם דערציילונג, ווערט קינסטלעך צוגעטשעפעט (אשטייגער, „די צוויי ציגן", די „צוויי צאפּעס" א. אנד.). גאָר אָפט ווערט די באלערונג געגעבן אין דער דערציילונג גופע, דורך א קאָנטראסטירנדיקער רעזאָניאָרישער געשטאלט (ווי אין „די שמאטעס", „דער וואָלף מיט דעם פוקס", „קוקעריקו", „דער פליגל־פיש" א. אז. ו.). דאָ דערנעענטערט זיך שוין עטינגער צו קראשיצקיס מעטאָד.

## 6

די זעלביקע פשאָרעדיקע אידעאָלאָגיע קומט צום אויסדרוק אויך אין עטינגערס אנדערע ווערק. עטינגער האָט פאר זײַן בעסטער ליד געהאלטן „דאָס ליכט", פארפאסט אין אָדעס 1846, און אזוי איז געווען אויך די מיינונג פון זײַנע פרײַנט, די מאסקילים. עס איז אן איבערארבעטונג פון שילערס „גלאָקע", און ווי דער גלאָק בא שילערן, וואָס באגלייט דעם מענטשן פון זײַן געבורט ביז צום טויט, איז בא עטינגערן דאָס ליכט דער סיוזשעטישער פאָדעם, ארום וועלכן ס'ווערט געוויקלט די גאנצע פּאָעמע. עס איז כאראקטעריסטיש דער ענטוזיאזם פון די מאסקילים פאר אָט דער רעאקציאָנערער פּאָעמע שילערס, וואָס פריידיקט פיליסטערישן שאָלעם־באיס און אנטהאלט שארפע אָנפאלן קעגן דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. זי איז איבערגעדיכטעט געוואָרן אין העברייִש און אין יידיש. אכוץ עטינגערס איבערדיכטונג, זײַנען אין יידיש באקאנט נאָך גאָטלאָבערס „דאָס ליד פונעם קוגל" און א פּאָעמע פונעם גאליצישן מאסקיל הירש רייטמאן (1808 — 1866) „דער קיטל", וואָס איז אנאָנים דערשינען אין ווין 1863.

עטינגערס ליד איז א שטייגער־שילדערונג, און דער געשילדערטער שטייגער איז יידישער בורזשואזער פארמעגלעכער שטייגער. די געשילדערטע סוויווע לעבט רויִק, זאט, אָן גרעסערע דײַגעס, אָן דראמאטישע קאָנפליקטן. עטינגער באזײַטיקט אפילע שילערס דראמאטישע שילדערונג פון דער „סרייפע" (זי איז דאקעגן פאראן בא גאָטלאָבערן). די סאָציאלע פילאָסאָפיע פון עטינגערס „ליכט" איז א בארויִקט־עוואָליוציאָניסטישע: די אנטוויקלונג פירט סײַווי צו דער רעאליזאציע פון דער האסקאָלע־פּראָגראם, „די אלטע וועלן א קאפּאָרע ווערן", און דער נײַער דאָר וועט שוין לעבן אנדערש. פאראן דאָ אביסל קריטיק פון פארעלטערטע מינהאָגים, אָבערגלויבנס (קעגן קאפּאָרעס־שלאָגן, קעגן שטעלן ליכט בא דער קימפּעטאָרן, קעגן מוירע פאר רוכעס א. אז. ו.), קעגן שידוכים, וואָס ווערן געשלאָסן אָן דעם ווילן פון די קינדער:

„כאָסן־קאלע מוזן אויך וועלן,
ווײַל עס איז די מאמעס געפעלן..."



אביסל דעמאָקראטישע טענער קלינגען באם באשרײַבן דעם יאָמקיפּער־ווידע:

„...דער, וואָס טוט פּאָשעט א געניייווע,
שיט זיך אָן ארבעס אין די זאָקן.
דער, וואָס וויל באלמעלאָכעס ניט צאָלן,
שלאָגט זיך שטארק „אָשאמנו" פאר דער זינד;
און דער, וואָס וועגט אפ פאלשע שאָלן,
מאכט א וועקסן ליכט פון א גערעכט פונט.
דער, וואָס האָט מענטשן בעדאלעס געשטעלט,
דאוונט פרום אין טאלעס דעם רארן [1];
דער האָט שוין אָפּגענארט גאָר די וועלט,
וויל ער איצינד גאָט אויך אָפּנארן".

עטינגער איז ניט קיין אטעיִסט, ער איז ניט קעגן רעליגיע, — ער איז בלויז קעגן די פּעאָדאלע פאָרמעס פון דער רעליגיע, ער איז קעגן רעליגיע, ווי א געווער אין דער האנט פון די פּעאָדאלע קלאסן, ער וויל רעליגיע ארומגעשטעלט מיט בורזשואזע אינסטיטוציעס און בורזשואזע באוואָרענישן. עטינגער ווארפט ניט אָפּ רעליגיע, ער רינגלט זי אָבער ארום מיט בורזשואזע באוואָרענישן און ספייקעס. דאָס ברענגט, נאטירלעך, אָפט צו סטירעס, און זיי געפינען א פּאָעטישן אויסדרוק אין עטינגערס ליד „נעמאָנע־ווידע" (אויך א באארבעטונג פון א דײַטשישן ליד):

„איצט אין זעלכע ספייקעס זיך אײַנצושטעלן,
ווייסט מײַן נעשאָמע נישט, וואָס זי זאָל אָנהייבן:
וואָס זי פארשטייט, וויל דער עמונע ניט געפעלן,
און דער סייכל לאָזט זי נישט, זי זאָל גלייבן.

אוי, ביטער איז מיר אין דעם פינצטערן שטאנד,
ווו מײַן נעשאָמע קען זיך גאָרנישט רירן!
זאָגטס מיר אוצט, צי די עמונע, צי דער פארשטאנד
קען מיך צום עמעס נענטער אהינפירן?"

די מאסקילישע ספייקעס ברענגען אָפט צו שארפע אָנפאלן קעגן קלעריקאליזם, אשטייגער:

„איך ווייס אָבער — די וועלט ווייס עס אויך גאנץ קלאָר, —
אז די עמונע בא די לאָמדים אין דער האנט
האָט מער קאליע געמאכט אין פיר הונדערט יאָר,
ווי אין גאנצע זעקס טויזנט יאָר דער פארשטאנד".

ניט קוקנדיק דערויף, קאָן זיך דער בורזשואזער אידעאָלאָג ניט אָפּזאָגן פון רעליגיע, און ער ווארפט זיך און ער וואקלט זיך פון רעכטס אפ לינקס. פארענדיקט ווערט די ליד האלב־טראגיש, האלב־סאטיריש, וואָס דריקט אויס די פארלעגנהײַט פונעם אווטער:

„און ווילסטו דיך צו מײַן געבעט נישט קערן,
האָסטו דיר פארשטאָפּט דײַנע אויערן מיט א וואנט,
אזוי נעם — אוי, גאָט! איך בעט זאָלסט מיך הערן, —
נעם מיר די עמונע... אָדער דעם פארשטאנד".

---

[1] דעם זעלטענעם, דעם טײַערן.

## 7

עטינגערס באַדײַטנדיקסטע קינסטלערישע ווערק איז די פּיעסע „סערקעלע", פאַרפאַסט מינאַסטאַם נאָך אין דעם לעמבערגער פּעריאָד, ד. ה. צווישן 1825 — 1830. עס איז אַ בורזשואַזע שטייגער־דראַמע, וואָס נוצט אויס מײַסטעריש און אַרבעט איבער די דערגרייכונגען סײַ פון דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער בורזשואַזער קאָמעדיע אין 17־טן און 18־טן י. ה., סײַ פון די ערשטע ייִדישע בורזשואַזע דראַמעס — וואָלפֿזאָנס „לײַכטזין און פרעמעלײַ" (1796), וואָס איז אַנטשטאַנען אין פּרײַסן, די גאַליציִשע אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט" (אַרום 1816). עס גיסן זיך אַרײַן אין „סערקעלע" אַ ריי מאָטיוון פון מאָליערס פּיעסעס, ביפראַט פונעם „טאַרטיוף" און „בירגער אַדל־מאַן"; פון לעסינגס יוגנט־פּיעסעס, ביפראַט „דער שאַץ"; פון קאָצעבו; די האַשפּאָע פון וואָלפֿזאָנס פּיעסע איז קאָנטיק אין דער מאַרקוס־געשטאַלט, אין דער אַלטעלע־געשטאַלט. דער דירעקטער קוואַל פון עטינגערס פּיעסע איז, ענדלעך, די גאַליציִשע „גענאַרטע וועלט", ווי ס'איז שוין איבן אָנגעוויזן געוואָרן (פאַרגלײַך מ. ווינער, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך", 156, 158). די דאָזיקע אַלע מאָטיוון און אַנטלײַונגען ווערן אָבער דורך עטינגערן דורכויס זעלבשטענדיק און אָריגינעל פאַראַרבעט.

ענלעך ווי אין דער „גענאַרטער וועלט", איז דאָ די צענטראַלע פיגור די שווינדלעריש־אויפגעקומענע, פאַלש־ייִכעסדיקע סערקעלע. די נעכטיקע אָרעמע און אַמעראַציִשע מעל־קרעמערקע האָט נאָכן אָפּפאָר פון איר ברודער דאָוויד גוטהערצ אַרײַנגענומען אין אירע הענט זײַן גאַנצן גרויסן פאַרמעגן, און זײַענדיק זיכער, אַז ער וועט שוין ניט צוריקקומען, פאַרפאַסט אַ פאַלשע צוואָע, לויט וועלכער גוטהערצ זאָגט איר קלוימערשט אָפּ זײַן גאַנץ האָב און גוטס, אויסמײַדנדיק זײַן אייגענע טאָכטער הינדע. אַזויאַרום, ווערט סערקעלע די נעגידעסטע אין דער שטאָט (די אַקציע קומט פאָר אין לעמבערג), טרעטירט הינדען, טיראַניזירט איר וואַקלדיקן שוואַך־כאַראַקטערדיקן און ווילנלאָזן מאַן מוישע דאַנצקער, זוכט אַ בעקאָוועדיקן שידעך פאַר איר פּוסטער און נאַרישער טאָכטער פריידע־אַלטעלע. דער כאָסן גאַוורי̆על הענדלער גאַנוועט צו אַ קעסטעלע מיט צירונג, און די שולד וואַרפט אַרויף סערקעלע אַף דער פאַרליבטער פאָר מאַרקוס־הינדע. דאָס צוריקקומען פון דאָוויד גוטהערצ צעהאַקט דעם קנויל פון דער אינטריגע: עס זיגט די גערעכטיקײַט, עס ווערן דעמאַסקירט גאַוורי̆על הענדלער און סערקעלע, און ס'ווערט טראַדיציאָנעל פאַרענדיקט מיט דרײַ שידוכים: מאַרקוס האָט כאַסענע מיט הינדען, פריידע־אַלטעלע — מיטן גאַסטווירט שמעלקע טרויניקס, די דינסט כאַווע — מיטן מעשאָרעס כאַיִם.

ווי געזאָגט, זײַנען קימאַט אַלע וויכטיקסטע סיוזשעטישע מאָטיוון אין עטינגערס „סערקעלע" אין דער אָדער יענער פאָרם שוין פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן אין דער פריערדיקער בורזשואַזער דראַמאַטורגיע; דאָס קאָן אילוסטרירט ווערן דורך דער פאָלגנדיקער צוזאַמענשטעלונג:

| די סערקעלע־געשטאַלט | דער פרעמדער | די יעסוימע (הינדע) |
|---|---|---|
| מאָליער, „גענאַרטע וועלט". | לעסינג, קאָצעבו. | לעסינג, קאָצעבו, „גענאַרטע וועלט". |
| **שאַדכן (רעב יויכענען)** | **מאַרקוס** | **גאַסטווירט** |
| לעסינג, „גענאַרטע וועלט". | אייכל, וואָלפֿזאָן. | קאָצעבו. |
| **פריידע־אַלטעלע** | **די מעשאָרסים־פּאָר** | |
| אייכל. | מאָליער און אַסאַך אַנדערע פּיעסעס | |



אין סאַכאַקל איז „סערקעלע" אַ בורזשואַזע פאַמיליע־דראַמע. די פּאָזיטיווע פיגורן אין דער פּיעסע זײַנען דער אויפגעקלערטער רײַכער סוחר דאָוויד גוטהערצ און דער בורזשואַזער אינטעליגענט, דער סטודענט מאַרקוס. צו דעם זעלביקן לאַגער געהערט אויך מאַרקוסעס געליבטע הינדע. די דאָזיקע אַלע געשטאַלטן זײַנען שטאַרק אידעאַליזירט. דאָס זײַנען אויפגעקלערטע בורזשואַ, און סײַ גוטהערצ, סײַ מאַרקוס רעדן טאַקע דײַטש. עטינגער האַלט זיך דאָ גענוי בײַ יענעם סטיל־נוסעך, וועלכן ס'האָבן געגעבן די קאָמעדיעס פון דער בערלינער האַסקאָלע (אייכלס און וואָלפֿזאָנס): אויך דאָרט רעדן די אויפגעקלערטע ריין דײַטש, בעשאַס די נעגאַטיווע פיגורן, וואָס געהערן צום קאָנסערוואַטיוון מיטלבירגערטום און קליינבירגערטום, רעדן ייִדיש. ענלעך ווי אין די בערלינער קאָמעדיעס, איז עס דער אויפגעקלערטער גוויר, וואָס צעהאַקט דעם קנויל פון דער אינטריגע, און זײַן שטאַרקער האַנט זינגט עס אַ לויב־געזאַנג דער בורזשואַזער דראַמאַטורג. דער רײַכער גוויר איז אַ מאָדערנער גוויר, אַ בורזשואַ פון דער נײַער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע, און זײַן „ערלעכער" האַנדל ווערט קעגנגעשטעלט דעם שווינדלערישן און באָדנלאָזן מיסכער פונעם פעאָדאַלן בירגערטום. אַזויאַרום, אַנטשטייט די קאָנצעפּציע פון „עמעסן בורזשואַ", וואָס ווערט קעגנגעשטעלט דעם „פּסעוודאָ־בורזשואַ", דעם פאַלשן גוויר, דעם שווינדלערישן ספּעקוליאַנט. די פיגור פון דאָוויד גוטהערצ ווערט, אַלזאָ, קעגנגעשטעלט צו די פיגורן פון סערקעלע, וואָס איז אַן אויפגעקומענע נעגידעסטע, און אַן אויפגעקומענע מיט ניט־זויבערע מיטלען, מיט פּסעוודאָ־רײַכטום און פּסעוודאָ־ייִכעס; דאָוויד גוטהערצ ווערט ווײַטער קעגנגעשטעלט גאַוורי̆על הענדלער, וואָס איז אין טאָך אַ קאַפּצן, אַ פּסעוודאָ־סוחר, אַ גאַנעוו, אַ שווינדלער, מיט אַ פּסעוודאָ־קולטור און אַ פּסעוודאָ־בילדונג; די בעעמעס־ייִכעסדיקע און בעעמעס־קולטורעלע הינדע ווערט קעגנגעשטעלט צו דער פּסעוודאָ־געבילדעטער נאַרישער און עגאָיִסטישער פריידע־אַלטעלע. עטינגער לאַכט אָפּ אויך פון איר דײַטש־רעדן, לייגט איר אַרײַן אין מויל אומגעלומפּערטע זאַצן און פאַרשטאַרקט נאָך די פּאַראָדיע דורך יענעם רעזאָנאַנס, וואָס אירע פראַזעס באַקומען בײַם כאָסן, דעם אַמעראַציִשן גאַוורי̆על הענדלער, אַשטייגער:

„אַלטעלע: איינן צײַג אויף איין קלייד? אַך! איך ביטע זי, וואָס פיר איינס? פילײַכט אַ־לאַ פּערוואַלטער שקאָט? (איבערגעדרייט וואַלטער־סקאָט — מ.ע.).

גאַוורי̆על: יאָ, יאָ, טאַקע אַ־לאַ אַלטער שטאָק".

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גראָד איר מאַכט דאָוויד גוטהערצ אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס רעדט זי ניט ייִדיש:

„זאָג, וואָס ווילסטו? פאַרוואָס רעדסטו נישט ליבער ייִדיש? וואָס שעמסטו דיך ייִדיש צו רעדן?" —

כאָטש ער אַליין און מאַרקוס רעדן דײַטש.

אין דער זעלביקער ריכטונג ווערט דורך עטינגערן אויפגעריסן די געשטאַלט פונעם שווינדלערישן גאַסטווירט שמעלקע טרויניקס — אַ פיגור פון יענעם ייִדישן מיטלבירגערטום, וואָס פלעג פּאַראַזיטירן אין די לעכער פון דער פעאָדאַלערווירטשאַפט. פאַראַן דאָ אַ ביז גאָר טשיקאַווע אָרט אין דער פּיעסע: שמעלקע טרויניקס קלאָגט זיך אַף די קאַפּיטאַליסטישע פּראָצעסן אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָבן געביטן אויך די פיזיאָנאָמיע פונעם פּאָרעץ (ווי אַ ליטוואַק, רעדט ער מיטן „סין און שין"):

„פארצײַטנס, דאכט זיכ מיר, איז געווענ א גרויסע בראָכע אינ דער מעדינע. מע האָט גאָרניסט געוווסט פונ די הײַנטיקע נײַע מאסינענ צומ אקערנ, צומ זייענ אונ צומ מלאָצענ, פלעגט זיכ צו זײַנ די טווע גאָר אביסעלע, די יאקרעס אָבער זייער גרויס; האָט איינער געהאט אביסל ווייצ אָדער קאָרנ, האָט מענ ס'אימ געמוזט מיט רויטע רענדלעכ אָפוועגנ,— איז טאקע געווענ א טײַנעג, אי דער שראָרע, אי דער גוטער סמעלקע האָט גענוג געהאט; אָבער אצינדערט, זײַט די מאסינענ זענענ ארוישגעקומענ, איז אינ אלע ווינקלענ דאָ טוועס זייער אסאכ. אונ וואָס נאָכ—די שראָרע קענ סוינ, כלעבנ, גאנצ גוט כעסבענענ אויכ".

דערופ מאכט גוטהערצ א באמערקונג „צו זיכ אינ דער שטיל", אז צוליב אזא זשוליק ווערנ לײדער פאראכט אסאכ איידל־דענקענדיקע ייִדנ.

דער סאָציאַלער זינענ פונ דער פיעסע איז, אלזאָ, אנ אויסגעשפראָכנ בורזשואזער: אידעאליזאציע פונעמ מאָדערניזירטנ בורזשוא, פונ דער בורזשואזער אינטעליגענצ, סענטימענטאלע אפאָלאָגיע פונ בורזשואזער מאָראל אונ טוגנט; קריטיק פונעמ פעאָדאלנ בירגערטומ, פונעמ אמעראצישנ, אופגעקומענעמ; קעגנ דעמ פעאָדאלנ אויפנ פונ שליסנ שידוכימ (דערפונ די נעגאטיוו־געשילדערטע געשטאלט פונ יויכענענ שאדכנ); קעגנ פסעוודאָ־אופקלערונג אונ פסעוודאָ־בילדונג (אלטעלע); בורזשואז־פילאנטראָפישע באציונג צו דער מעשאָרסימ־פאָר (כאווע, כאימ). די זעלביקע אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונג האָבנ מיר סײַ אינ דער פריערדיקער ייִדישער בורזשואזער דראמאטורגיע (אייכל, וואָלפזאָנ, די גאליצישע „גענארטע וועלט"), סײַ אינ דער גלײַכצײַטיקער (אקסענפעלד), סײַ היפשע יאָרצענדליקער שפעטער ביז שאָלעמ־אליייכעמענ.

אפ אזא מינ אויפנ איז „סערקעלע" א טיפישע האסקאָלע־דראמע. עס איז אָבער כאראקטעריסטיש פאר עטינגערס אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג די טענדענצ אויסצומײַדנ גרעסערע אונ שארפערע געזעלשאפטלעכע פאראלגעמיינערונגענ, די טענדענצ אריבערצופירנ דאָס סאָציאלע אפ די רעלסנ פונ דער שטייגער־שילדערונג. אינ אייכלס „רעב הענעכ" איז די גאנצע שילדערונג פונעמ פעאָדאלנ ייִדישנ פאמיליענ־שטייגער בלויז א פאָנ אונ אנ ארגומענטאציע פאר דער פאָליטישער קאמפאניע פונ דער ייִדישער בורזשואזיע אינ דײַטשלאנד צומ סאָפ פונעמ 18־טנ י. ה., דער קאמפאניע פאר פאָליטישער גלײַכבארעכטיקונג. אינ דער גאליצישער „גענארטער וועלט" איז די שטייגער־שילדערונג בלויז א טראמפלינ פאר דער פאָרמולירונג פונ די גרונט־לאָזונגענ פונ דער בורזשואזער האסקאָלע, אונ ניטאָ קימאט קיינ איינ לאָזונג פונ דער האסקאָלע, וואָס זאָל ניט פאָרמולירט ווערנ אינ דער פיעסע מיט דער גאנצער שארפקײַט בא דער אָדער אנדערער געלעגנהײַט. שטארק פארשארפט געזעלשאפטלעכ זײַנענ אקסענפעלדס פיעסעס, אונ קימאט יעדע פיעסע באהאנדלט א ביז גאָר וויכטיקע אונ אקטועלע געזעלשאפטלעכע פראָבלעמ אינ יענע צײַטנ—„דער ערשטער רעקרוט"—די רעקרוטשינע, „מאנ אונ ווײַב"—די פראָבלעמ פונ מעלאָכע, „די גענארטע וועלט"—כסידעס, קלעריקאליזמ אונ אָבערגלויבנ א.אז.וו. עטינגערס „סערקעלע" איז באדײַטנדיק פשאָרעדיקער, מעסיקער, ענגער אינ דער אידעאָלאָגישער ציל־אײַנשטעלונג.

די געזעלשאפטלעכע טענדענצ שטארצט ניט ארויס מיט אירע קאנטנ, ווי אינ אנדערע מאסקילישע פיעסעס; זי ווערט אופגעלייזט אינעמ שטייגערישנ מאטעריאל. כאראקטעריסטיש אינ דעמ זינענ איז אויכ דער סאָפ פונ דער פיעסע בא אייכלענ,



וואָלפזאָנענ אונ דער גאליצישער פיעסע האָבנ די נעגאטיווע פיגורנ א וויסטנ סאָפ, זיי ווערנ צעטראָטנ אינ שטויב, אָנ ראכמאָנעס. עטינגער נעמט נעקאָמע בלויז פונ גאווריִעל הענדלער, וואָס ווערט אָפגעפירט אינ טפיסע; ער איז דאקעגנ מויכל סערקעלענ אונ רעאביליטירט אפילע שמעלקע טרויניקסנ, כאסענע מאכנדיק אימ מיט אלטעלענ אונ דערבײַ מיט היפשנ נאדנ. ענלעכע טענדענצ זײַנענ געווענ, עמעס, אויכ אינ די דערמאנטע מאסקילישע פיעסעס, אָבער בא עטינגערנ קומט די פשאָרע־טענדענצ אָנ א פארגלײַכ דײַטלעכער צומ אויסדרוק.

באמ אנאליז פונ די געשטאלטנ פונ עטינגערס „סערקעלע" ווארפט זיכ ווײַטער אינ די אויגנ, אז גראָד די פאָזיטיווע פיגורנ—דאָוויד גוטהערצ (דער פרעמדער), מארקוס, הינדע,—זײַנענ קינסטלעריש די שוואכסטע אינ דער גאנצער פיעסע. פריידע־אלטעלע איז אָנ א פארגלײַכ פולבלוטיקער פונ הינדענ; גאווריִעל הענדלער איז לעבעדיקער פונ מארקוסנ. סערקעלע גלאנצט מיט אלע קאָלירנ, בעשאס גוטהערצ קוקט פאפיר אונ איז אזוי איידל אונ גוטהארציק, אז ער לעבט שוינ קימאט אינגאנצנ ניט. עס איז ניט ריכטיק די טעאָריע, אז פאָזיטיווע העלדנ מוזנ זײַנ שוואכער פונ די נעגאטיווע; אונ אויכ דאָס, וואָס גוטהערצ אונ מארקוס רעזאָנירנ קעסיידער, וואָס אפ זייערע פלייצעס לייגט זיכ די גאנצע לאסט פונ דעמ אווטערס פאָזיטיווע אײַנשטעלונגענ, איז ניט די סיבע פונ דער בלאסקײַט אונ סכעמאטישקײַט פונ די דאָזיקע פיגורנ. אויכ לאָפוכאָוו, ווערא פאוולאָוונא, ראכמעטאָוו אינעמ ראָמאנ פונעמ גרויסנ רוסישנ אופקלערער טשערנישעווסקי „וואָס טאָנ?" רעזאָנירנ קעסיידער, אונ דאָכ זײַנענ עס לעבעדיקע, פולבלוטיקע פארקערפערונגענ פונ דער ראזנאָטשינישער אינטעליגענצ פונ די 60־קער יאָרנ. די צאָרע באשטייט ניט אינ דעמ, וואָס גוטהערצ אונ מארקוס רעזאָנירנ, נאָר אינ דעמ, וואָס זיי רעזאָנירנ פיליסטעריש, בורזשואז־באגרענעצט, וואָס זייער גאנצע מאָראל אונ וועלטאנשויונג, וועלכע ווערט אזוי אידעאליזירט בא עטינגערנ, איז נישטיק־מעשטשאניש, זעלבסטצופרידנ, באלעבאטיש. זיי (אונ עטינגער דורכ זיי) קעמפנ קעגנ דער צוויִעס פונ א סערקעלע, פונ א גאווריִעל הענדלער, אונ זײַנענ ניט כוישעד, אז זייער בורזשואז־פילאנטראָפישע מאָראל איז אינ טאָכ ניט ווייניקער צוויאקיש. גראָד דאָוויד גוטהערצ, מארקוס זײַנענ די צומ ווייניקסטנ רעאליסטישע געשטאלטנ אינ דער פיעסע: עטינגער שטרעבט זיי אידעאליזירנ, געבנ זייער אפאָלאָגיע, ער הילט זיי איינ אינ א סענטימענטאלנ נעפל, אונ שוואכט אָפ דורכ דעמ דעמ רעאליסטישנ געמעל. לויט זײַנ עצעמ קלאסנ־מעהוס האָט עטינגער ניט פארשטאנענ אונ ניט געקאָנט פארשטיינ, אז אינ טאָכ איז דאָוויד גוטהערצ, וואָס האָט געמאכט א גרויסנ פארמעגנ אינ דער פרעמד, ניט ווייניקער הענדלער אונ ניט ווייניקער ספעקוליאנט, ווי גאווריִעל.

בא די פיגורנ פונ גוטהערצ, מארקוס, הינדע ווערט, אלזאָ, אָפגעשוואכט עטינגערס רעאליזמ, ער גייט אריבער אינ סענטימענטאליזמ אונ רעטאָרישקײַט אונ דעמאסקירט ניט־ווילנדיק די גאנצע באגרענעצטקײַט פונ דער בורזשואז־מאסקילישער וועלטאנשויונג. בא די פיגורנ פונ רעאקציאָנערנ מיטל־אונ קליינבירגערטומ איז שוינ דער דאָזיקער אָפהאלט ניט פאראנ; דאָ קומט עטינגערס רעאליזמ צומ פולנ אויסדרוק, דאָ פײַערט ער גרויסע טריומפנ. די פאָזיטיווע פיגורנ זײַנענ ס'ראָוו געשילדערט מיט איינ שטריכ, וואָס ווערט אפילע פארקערפערט אינ זייערע נעמענ: דער גרויסער

סויכער דאָוויד איז א „גוטהערצ״, דער סטודענט מארקוס איז „רעדלעכ״, ד. ה. ערלעכ (דײַטש). די נעגאטיווע פיגורנ ווערנ דאקעגנ געגעבנ מיט א שלאל שטריכנ אונ פארבנ: סערקעלע איז דעספּאָטיש, זי איז דער דעספּאָט אינ דער פאמיליע, זי טיראניזירט דעמ מאנ, די יעסוימע, די דינערשאפט; זי פארמאָגט טיפּישע שטריכנ פונ אנ אופגעקומענער נעגידעסטע, אונ האָט א פול מויל מיט איר קלוימערשטנ ייִכעס; זי איז אויסגעלאסנ; די קערנ־געזונטע, פרעסערישע קרעמערקע קלאָגט זיכ קעסיידער אפ איר קלוימערשט שוואכנ געזונט־צושטאנד. גאווריִעל הענדלער איז א בלאָפער, א גאנעוו, א כיטראק, גלײַכצײַטיק גראָב־נאיִוו אינ זײַנ אמעראצישקײַט; דער שאדכנ איז גראָד ניט נאריש, ער איז בארעדעוודיק, לוסטיק, פּאסט זיכ צו צו יעדער סיטואציע אונ נוצט זי אויס. גוטהערצ אונ מארקוס רעדנ א הויכנ לאָשנ, א פּאפּירענעמ מאָנאָטאָנעמ דײַטש, אינ וועלכנ ס׳איז ניטאָ קיינ לעבנ, אָבער דער לאָשנ פונ די נעגאטיווע פיגורנ איז רעאליסטיש דיפערענצירט: שמעלקע טרויניקס, דער ליטוואק, רעדט מיטנ „סינ״ אונ „שינ״; זײַנ גראָבע מעקלעריש־גוטברודערישע נאיִווקײַט קומט צומ אויסדרוק אויכ שפּראכלעכ אינעמ אויסגעמיש פונ העברײיִזמענ אונ סלאוויזמענ, אינ פארשיידענע פאָלקלאָריסטישע רעדנסארטנ אונ ווערטלעכ; דער שאדכנ איז בארעדעוודיק, שיט מיט ווערטער אונ שפּרוכנ, אונ ס׳קומט דאָ צומ אויסדרוק דער עצעמ מעהוס פונ זײַנ פּראָפעסיע: די באדערפעניש צו געווינענ צײַט, רעדנ ארומ אונ ארומ, קעדיי פּאמעלעכ צוצוקומענ צומ איניענ גופע; די באדערפעניש צו כאנפענענ; די שאדכאָנישע ליגנערײַ אונ פארײדנ די ציינ; די שאדכאָנישע געפאלנקײַט, קאפּצאָנעס אונ באטלאָנעס, אשטייגער:

„...קומט מײַנ שמוע אפיר, איינער זאָרגט זיכ פאר א קוגל, אונ דער אנדערער פאר א גאנצ טשאָלנט. מיילע, בישליימע איכ, איכ זאָרג מיכ — נו בינ איכ דאָכ דערופ, ווי איינער רעדט, א געמיינער מענטש! אמאָל האָב איכ יאָ אפ שאבעס אונ אמאָל נישט, — אָבער איר? איר זענט דאָכ, אָנ אײַנהאָרע, א גרויסער נאָגיד ביז הונדערט אונ צוואנציק יאָר, האָט נישט מער ווי א באסיעכידעלע, זייער א קאָשער טעכטערל, גוט אונ פרומ אונ, כלעבנ, שיינ אויכ, קומט מײַנ שמוע אפיר, — זי האָט געהאט נאָכ עמעצנ צו געראָטנ — א שידעכ וועט איר, מירצעשעמ, אויכ אוואדע מיט איר טונ זייער א גוטנ, ס׳איז שוינ, כלעבנ, צײַט...״

„קומט מײַנ שמוע אפיר, איר, זאָלט לעבנ, קענט מיכ דאָכ נאָכ, ווענ איכ בינ געווענ א באטלענ אינ קליינעמ בעסמעדרעשל. נו, געלויבט צו גאָט פאר דעמ, איכ בינ איצט א שאדכנ, איכ פיר אויס די גרעסטע שידוכימ — גוט, מע כאפּט אמאָל א פּאָר קערבלעכ! אָט וויל איכ, כלעבנ, אײַער אלטעלענ אויכ רעדנ זייער א גוטנ שידעכ, איכ זאָג אײַכ, אנ אויספאל פונ א שידעכ...״

סערקעלעס לאָשנ איז ווידער פול קלאָלעס, זידלערײַענ, וואָס גיבנ אויס די נעכטיקע מארק־זיצערקע (אשטייגער: מעשוגע זאָלסטו ווערנ! האָב דיר א שווארציאָר! מײַנ בייזער כאָלעמ זאָל זיכ צו דײַנ קאָפּ אָנהייבנ אונ אויסלאָזנ! ווער געהארגעט פאר אלע ייִדישע קינדער!), — פונ צײַט צו צײַט דערמאנט זיכ אָבער סערקעלע איר נײַעמ שטאט, אונ ס׳קומענ סטאטעטשנע פרומע ווערטלעכ אונ אָנדײַטונגענ אפ איר איידעלער שלאפקײַט: „דאָס זינדיקע ביסל קאווע״, „זכוס אָוועס זאָלנ בײַשטיינ״, „אוי, מײַנע קויכעס״ א. אז. וו.



כאווער ווינער האָט אינ זײַנ אינטערעסאנטער ארבעט „די ראָל פונ שפּראכפאָלקלאָר אינ דער ייִדישער ליטעראטור״ (שריפטנ, באנד I, קיִעוו, 1928) פעסטגעשטעלט, אז וואָס נעגאטיווער ס׳איז די פיגור אינ „סערקעלע״, „אלצ מער קלוגיטשקע ווערטלעכ אונ פרומלעכע העברײיִזמענ באנוצט זי״, דערבײַ איז „דער כאראקטער פונ די רעדנסארטנ בא יעדער פיגור גענוי דיפערענצירט אונ אויסגעהאלטנ״. בא יויכענענ שאדכנ קומט אויס אינ דורכשניט 50 רעדנסארטנ אפ 100 שורעס. בא סערקעלענ — 42, בא שמעלקע טרויניקס — 40, בא גאווריִעל הענדלער — קאָרעוו 24, בא מוישע דאנצקער (א וואקלדיקע פיגור, וואָס שטייט צווישנ די נעגאטיווע אונ פּאָזיטיווע העלדנ) — 18. אינ דורכשניט באנוצנ די נעגאטיווע פיגורנ ארומ 28 רעדנסארטנ אפ 100 שורעס, אינ דער צײַט, ווענ בא די פּאָזיטיווע פיגורנ באקומט זיכ ארומ העלפט. אינ דער זעלביקער צאָל שורעס (דאָרט, ז. 118). דער שפּראכ־פאָלקלאָר ווערט, אזויארומ, פארוואנדלט בא עטינגערנ (אונ אויכ בא אנדערע האסקאָלע־שרײַבער) אינ א מיטל פונ רעאליסטישער קריטיק, פונ רעאליסטישנ נאָכקרימענ די שפּראכ־אָפּגעשטאנענקײַט פונ די נעגאטיווע העלדנ, ווי אנ אויסדרוק פונ זייער גאנצער געזעלשאפטלעכער אָפּגעשטאנענקײַט אונ פארקריפּלטקײַט.

אָבער אויכ אינ דער קאָמפּאָזיציע פונ דער פּיעסע האָט זיכ עטינגער אנטפּלעקט ווי א מײַסטער. פינפ גרויסע אקטנ האלט די פּיעסע, קעסיידער באוועגט זיכ אָבער די אקציע פאָרויס, יעדע נײַע סצענע גיט א רוק פאָרויס די אינטריגע, אונ די דראמאטישע שפּאנונג ווערט קעסיידער ניט אָפּגעשוואכט, פארקערט — זי וואקסט אָנ פונ אקט צו אקט, דערגרייכנדיק ערשט אינ לעצטנ אקט איר קולמינאציע. די מײַסימ פונ די העלדנ זײַנענ ס׳ראָוו אויסשעפּנדיק מאָטיווירט, ס׳ראָוו שטימענ זיי דורכויס סײַ מיטנ כאראקטער פונ די העלדנ, סײַ ווי א רעאקציע אפנ גאנג פונ דער אינטריגע. עמעס, אינ דעמ סיוזשעט גופע זײַנענ פאראנ אייניקע ווייניק ווארשײַנלעכע קנופּ־פּונקטנ: דאָס פארשווינדנ אונ צוריקקומענ פונ דאָוויד גוטהערצ, טיילווײַז די מײַסע מיט דער פאלשער צוואָע, די גענייווע פונ דעמ קעסטעלע צירונג. עס איז אָבער געווענ א פעסטע סיוזשעטישע טראדיציע פונ דער יונגער בורזשואזער דראמע, וואָס געפינט איר דערקלערונג אינעמ שטורעמ אונ דראנג פונ דער אָנהייב־עפּאָכע פונעמ קאפּיטאליזמ, אינ די העלדנ־טאטנ פונ די „ריטער פונ אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג פונ קאפּיטאל״.

אזויארומ, פארנעמט „סערקעלע״ א וויכטיק אָרט אינ דער בורזשואזער ייִדישער דראמאטורגיע אינ 19־טנ י. ה. — יארשענענדיק א רײ טראדיציעס פונ דער פריִערדיקער מײַרעוו־אייראָפּײיִשער אונ ייִדישער בורזשואזער ליטעראטור, האָט עטינגערס פּיעסע אליינ געשאפנ א טראדיציע, אליינ געוואָרנ דער מוסטער פונ א רײ ווערק, אונ סײַ גאָלדפאדנ, סײַ שאָלעמ־אליִיכעמ האָבנ זיכ שטארק אָנגעשפּארט אפ די דערגרייכונגענ פונ עטינגערס דראמאטורגיע. אינ דער רײַכער גאלעריע פונ שאָלעמ־אלייכעמס אופגעקומענע נעגידעסטעס געפינענ מיר אָפט שטריכנ פונ עטינגערס סערקעלע, אונ די שאדכנ־פיגור, וואָס עטינגער האָט דער ערשטער זי ארײַנגעפירט מיט אזא שלאל קינסטלערישע פארבנ, איז געוואָרנ אנ אײַזערנער רעקוויזיט פונ דעמ בורזשואזנ ייִדישנ טעאטער, אונ באזונדערס טאקע אינ שאָלעמ־אלייכעמס פּיעסעס. דאָס אייגענע איז אויכ געשענ מיט עטינגערס מעשאָרסימ־פיגורנ.

**מ. דוביל̄עט**

# וועגן עטינגערס דראמאטישער טעכניק

(נאָטיצן)

## 1

צווישן די יידישע שרײַבער פון דער ערשטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט, אוב אויכ שפּעטער ביז מענדעלען, איז שלוימע עטינגער, אָן שום סאָפּעק, דער באַדײַטנדיקסטער מײַסטער. עטינגער האָט זייער פּיל געארבעט אפ זײַנע ווערק, ער האָט זיי געהאלטן אינ איינ טאָקן און שלײַפן. ס'איז גענוג צו פארגלײַכן די פארשיידענע וואריאַנטן פון זײַן באַדײַטנדיקסטן ווערק, פון „סערקעלען", קעדיי זיכ אינ דעם צו איבערצײַגן. פארגלײַכט, צ. ב., דעם היפּש רויען וואריאַנט, וואָס ליגט אינ יעסאָד פון דער יאָהאניסבורגער אויסגאבע, מיטן רײַפן וואריאַנט פון דער ווילנער אויסגאבע. דער אידייען־פאָנד איז דאָ דער זעלבער, די געשטאלטן — די זעלבע, דער סיוזשעט, די אינטריגע, די קאָמפּאָזיציע האָבן זיכ ניט געביטן, — און דאָכ סארא קאָלאָסאלער כילעק אינעם קינסטלערישן עפעקט פון אָט די צוויי וואריאַנטן. די סיבע שטעקט דאָ אינ דער ביז גאָר געטרײַער דעטאלער באארבעטונג פונעם ווערק, אינ דער ארבעט איבער דער טעאטראלער ספּעציפיקאציע, איבער דער פארפײַנערונג פון די סיטואציעס, איבער דער פארפולקומונג פונעם דיאַלאָג, איבער דער רעמארקע אפילע, איבערן ווערטער־סיידער אינ דער פראזע א. אז. וו. א. אז. וו.

עטינגער איז ביכלאל געווען א גרויסער מײַסטער פון ליטעראַרישער פאָרם. דערופ זאָגט איידעס די רײַכקײַט פון עטינגערס זשאנרען (ליריק, עפּאָס, דראמע, פּרווון פון פּראָזע) און אונטערזשאנרען (פילאָסאָפישע ליריק, באלאדע, מאָשל, סאטירע, עפּיגראם א. אנד.), די פארשיידנארטיקײַט פון ריטמען, סטראָפיק, קאָמפּאָזיציע, און ענדלעכ, עטינגערס גלענצנדיקע שפּראַכ.

## 2

דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיכ, אז עטינגער איז אינ זײַן ליטעראַרישער ארבעט אויסן געווען אויסשליסלעכ די פאָרם. מע דארפ זאָגן, אז די בורזשואזע ליטעראַטור־לעגענדע וועגן דעם, אז אינ קעגנזאץ צו די איבעריקע האסקאָלע־שרײַבער האָט זיכ עטינגער אינ זײַנע ווערק ניט געשטעלט קיינ געזעלשאפטלעכע צוועקן, האָט זיכ היפּש אײַנגעוואָרצלט אינ דער ליטעראַטור־וויסנשאפט.

ס'קומט דאָכ אויס זייער מאָדנע! עטינגער, וואָס אינ זײַנ ליטעראַרישן פארמעג געפינען מיר פילאָסאָפישע מעדיטאציעס, שארפע סאטירעס („וויטעלע", „דער ראָש־





האקאָהאָל" א. אנד.), בייזע עפּיגראמעס אפ געזעלשאפטלעכע טעמעס (אנטיצאדיקישע א. אנד.), עטינגער, וואָס האָט קולטיווירט אזא טיפּיש־דידאקטישן זשאנר, ווי דער מאָשל, און אזא טיפּיש־סאטירישן זשאנר, ווי די עפּיגראם; עטינגער, וואָס האָט אינ זײַנ פּערזענלעכ לעבן פארווירקלעכט אזא גרונט־לאָזונג פון דער האסקאָלע, ווי אריבערגאנג צו ערדארבעט, — דאפקע עטינגער ווערט אָנגענומען, ווי א מינ פּרי־צײַטיק־אופגעקומענער פאָרשטייער פון „קונסט צוליב קונסט".

אינדערעמעסן האָט עטינגער אויסגעדריקט אינ זײַנע ווערק די וויכטיקסטע פּונקטן פון דער פּראָגראם פון דער בורזשואזער האסקאָלע. ער קעמפט קעגן קאָהאָל, קעגן כסידים, קעגן אָבערגלויבן און צוויאקישקײַט, קעגן פעאָדאלן ייכעס. ער קעמפט פאר פּראָדוקטיווער ארבעט, פאר וועלטלעכער בילדונג. ווי אלע שרײַבער־מאסקילים, קריטיקירט אויכ עטינגער דעם פארצויגענעם יידישן מיטלאלטער (עמעס, מיט א געוויסער פשאָרעדיקער צוריקגעהאלטנקײַט).

אויכ „סערקעלע" איז א טיפּישע האסקאָלע־דראמע. דאָ האָבן מיר די זעלבע אידייען, די זעלבע פּראָבלעמעס, די זעלבע טענדענצן, וואָס אינ דער יידישער ביז־עטינגער־דראמאטורגיע (די בערלינער קאָמעדיעס, די אנאָנימע „גענארטע וועלט"). מיר האָבן דאָ די אידעאליזאציע פונעם מאָדערנעם אייראָפּייִש־געבילדעטן סויכער (די פיגור פון גוטהערצ), א נעגאטיווע באציִונג צו דער פעאָדאלער עקאָנאָמיק (די ר' שמעלקע־פיגור), אידעאליזאציע פון דער מאסקילישער אינטעליגענצ (רעדלעכ), אָפּשפּעטונג פון פאלשער בילדונג (פרידעריקע). ס'איז פאראנ אפילע אינ „סערקעלע" א ברייטער, אזוי צו זאָגן, „עקאָנאָמישער" שמועס, ווו ס'ווערן אופגעריסן די יידישע פעאָדאלע פארנאָסעס אלס רייִנ־שווינדלערישע. דעם אווטערס סאָציאַלע סימפּאטיעס ווײַזן זיכ ארויס אויכ אינ די נעמען פונ אייניקע זײַנע העלדן: גוטהערצ, רעדלעכ (ערלעכ) פון איינ זײַט, ר' שמעלקע טרויניקס (טרוי ניקס), פון דער צווייטער זײַט.

## 3

עטינגער זעלבסט כאראקטעריזירט „סערקעלען" אלס „פאמיליען־געמעלדע". דאָס איז ווירקלעכ אזוי: „סערקעלע" איז א פאמיליע־דראמע (ווי באוווסט, איז די פאמיליע־דראמע העכסט כאראקטעריסטיש פאר דער ליטעראַטור פון דער אופקומענדיקער מאָדערנער בורזשואזיִע). דערבײַ פארמאָגט „סערקעלע" היפּשע עלעמענטן פון א מעלאָדראמע. דאָ איז פאראנ א רירנדיקע סיוזשעט־ליניע (די באאוולטע פלעמעניצע, רעדלעכ, אפ וועלכן מע מאכט א בילבל), רירנדיקע סצענעס; מע וויינט גאנצ אָפט (ס'וויינען כאווע, הינדע, ס'וויינט ר' מוישע, סערקעלע וויינט אָפט, ס'וויינען מוישע מיטן פרעמדן, ס'וויינט רעדלעכ אפ עטלעכע זײַטלעכ); מע כאלעשט, מע קושט זיכ גאנצ אָפט אפ דער סצענע. פארנ מעלאָדראמאטישן שטראָם אינ דער פּיעסע איז כאראקטעריסטיש אויכ דער עמפאטישער סטיל פונעם פּאָזיטיוון פּערסאָנאַזש, דער פּאטעטישער זשעסט (צ. ב., מארקוסעס זשעסט אינעם 4־טן ארײַנקום פונעם 4־טן אופצי: „כאפּט זיכ אָנ מיט ביידע הענט באמ קאָפּ"; „ער הייבט אופ ביידע הענט קעגן דעם הימל").

גלײַכצײַטיק איז צו טרעפֿן אין „סערקעלע״ רודימענטן פֿון דער קלאַסיציסטישער דראַמע־טעכניק. ס׳זײַנען אָפּגעהיט די באַרימטע דרײַ אײניקײַטן: די אײנהײַט פֿון צײַט (די געשעענישן קומען פֿאָר אין אײן מעסלעס), אײנהײַט פֿון האַנדלונג, און אין דער גרעסטער מאָס אױך אײנהײַט פֿון אָרט (אַלע געשעענישן אין די ערשטע 4 אופֿציִען קומען פֿאָר בײַ ר׳ מוישע דאַנצקער אין שטוב אין אײן־און דעם זעלבן צימער, נאָר אינעם 5־טן אופֿצי װערט די האַנדלונג אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער אָרט).

בײַ אײניקע העלדן זײַנען אײַנגעהיט אױסטײַטשערישע כאַראַקטער־נעמען (גוטהערצ, רעדלעך, טרוױניקס). ס׳פֿיגורירט אַ סובּרעטן — די דאָזיקע אומבאַדינגטע פֿיגור פֿון דער קלאַסיציסטישער דראַמע. ס׳איז זײער פֿאַרשפּרײט דער מאָנאָלאָג. מיר טרעפֿן אין „סערקעלע״ 17 מאָנאָלאָגן. אַלע אַקטן, כוץ דעם 4־טן, הײבן זיך אָן מיט אַ מאָנאָלאָג. מאָנאָלאָגן האַלטן די פֿאַרשײדנסטע פּערסאָנאַזשן: סערקעלע, ר׳ גאַװריעל, ר׳ מוישע, רעדלעך, גוטהערצ א. אנד. אַגעװ, זײַנען די מאָנאָלאָגן גאַנץ גרױסע. אַזױ, צ. ב., פֿאַרנעמען ר׳ מוישעס מאָנאָלאָג (ערשטער אַרײַנקום פֿונעם 2־טן אופֿצי) און דער מאָנאָלאָג פֿון ר׳ גאַװריעל (1־טער אַרײַנקום פֿונעם 3־טן אופֿצי) — קאַרגע 2 זײַטלעך. פֿון דער קלאַסיציסטישער טראַדיציע גײט אױך די שטאַרקע פֿאַרשפּרײטקײַט פֿון אַפּאַרטע.

אײַנהיטנדיק אין אַ באַשטימטער מאָס די אױסגערעכנטע רודימענטן פֿון דער קלאַסיציסטישער דראַמע, שטײט אָבער עטינגער אױף דער הײך פֿון דער דראַמאַטישער קונסט פֿון זײַן צײַט. ער האָט פֿעסט אָנגעײגנט די דערגרײכונגען פֿון דער מאָדערנער בורזשואַזער דראַמע, דעם אײַזערנעם אינװענטאַר פֿון איר טעכניק. און אױב גאָלדפֿאַדן האָט זיך אײנמאָל אױסגעדריקט: „איך שפּיל פֿאַר מױשען, ניט פֿאַר מאָזעסן״, האָט עטינגער געקענט זאָגן װעגן זיך, אַז ער שפּילט אי פֿאַר מױשען אי פֿאַר מאָזעסן (ער האָט „דאָס געשריבענע געגעבן צו לײענען זעלכע מענטשן, װאָס זענען זײער געשיקט און האָבן שױן געלײענט זײער אַסאַך ביכער אױף אַנדערע לעשונעס, און װידער זעלכע מענטשן, װאָס זענען גאָר פּראָסטאַקעס און קענען נישט מער נאָר דאָס ייִדישע לאָשן״ — שרײַבט עטינגער אינעם פּראָספּעקט צו זײַנע װערק) [1].

עטינגער האָט פֿאַרמאָגט אַ געפֿיל פֿאַר דער סצענע, אַ שטאַרקן טעאַטראַלן נערװ. ער זעט אױסצוקומען מיט קנאַפּע מיטלען. די האַנדלונג קומט פֿאָר אין אײן־און דעם זעלבן צימער, דערנאָך װערט זי אַריבערגעטראָגן אין אַ געסל אַנטקעגן אַן אײַנפֿאָרהױז (פֿאַרגלײַך דעם אָפּטן בײַט פֿונעם אָרט פֿון דער האַנדלונג אין אַקסענפֿעלדס פּיעסעס, װאָס איז פֿאַר די מעגלעכקײַטן פֿונעם דעמאָלטיקן טעאַטער געװען אַ גאַנץ שװערע זאַך; עמעס, אַקסענפֿעלד האָט טאַקע זײַנע פּיעסעס ניט געשריבן פֿאַרן טעאַטער). די מעבל־שטיק אַפֿילו האָבן זיך זײער פֿונקציע אין דער פּיעסע. אױף דער קאַנאַפּע ליגט ר׳ גאַװריעל, װען ער בלײַבט נאָכמיטיק בײַ סערקעלען אין שטוב; װען ר׳ גאַװריעל פֿאַלט אַף אַ געדאַנק צו באַגאַנװענען סערקעלען, פּרוּװט ער עפֿענען די שאַפֿע, דעם קאָמאָד; פֿרײדע־אַלטעלע פּוצט זיך עטלעכע מאָל קעגן שפּיגל;

[1] ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אינעם קעפּל פֿון „סערקעלע״ שפּילט אַ באַשטימטע ראָליע דער רעקלאַמע־מאָמענט („גאָר אַ נײַ טעאַטער־שטיק״).



אַפֿילו דער צװײטער שפּיגל, װאָס שטײט אױף דער ערד, האָט זיך אױך זײַן פֿונקציע אין פּיעסע: כאַיִם צעבּרעכט אים, און דאָס רופֿט אַרױס סערקעלעס ערשטן אַרײַנקום. ס׳דערמאַנט זיך דער קלאַל, װאָס טשעכאָװ האָט אים מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער פֿאָרמולירט: אױב אינעם ערשטן אַקט הענגט אַ ביקס אױף דער װאַנט, מוז זי אינעם לעצטן אַקט אומבאַדינגט אױסשיסן.

אינעם פֿאַרשױנען־צעטל איז עטינגער זײער שפּאָרעװדיק: ער גיט דאָס, װאָס איז אומבאַדינגט נײטיק: „ר׳ מוישע דאַנצקער, אַן אופֿגעקומענער אױשער״; „סערקעלע, זײַן װײַב״; „ר׳ יויכענען, אַ שאַדכן״; „אַ פֿרעמדער״; „אַ דאָקטער״ א. אז. װ. פֿאַרגלײַכט עס מיט די פֿאַרשױנען־צעטלען בײַ אַקסענפֿעלדן: „ר׳ אַרן קלוגער. מע רופֿט אים אין ניביװאַלע דער באַלמאַכשאָװע. ער איז דער גרעסטער אױשער אין שטאָט. אַ געלערנטער אין אַלערלײ כאָכמעס און לעשױנעס. ער איז אַ כאָשעװ בײַ דער סאַר פֿון דער שטאָט, און זײַן האַנדל איז מיט אָקסן קײן װאַרשע״; „פּערעלע: זײַן װײַב. זײער שײן און זײער קלוג און זײער גוט״ א. אז. װ. דערנאָך ערשט װערן בײַ אַקסענפֿעלדן די פֿאַרשױנען ביז גאָר גענױ כאַראַקטעריזירט אין די רעמאַרקעס (זע די רעמאַרקע צו דער ערשטער סצענע פֿונעם ערשטן אַקט „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט״).

די רעמאַרקע בײַ עטינגערן איז שטענדיק זאַכלעך. זי איז שטרענג טעאַטראַל, אַ מײַלע, װאָס העט שפּעטער אַפֿילו, אַשטײגער, אין שאָלעם־אַלײכעמס דראַמאַטישע װערק, פֿאַרמאָגן מיר עס ניט. אָט איז, צ. ב., אַ רעמאַרקע פֿון שאָלעם־אַלײכעמס „צעזײט און צעשפּרײט״: „בײַם קאַמין זיצט אַ בײזער הונט מיט אַ מױרעדיקן קוק סאַקאָנעס נעפֿאָשעס. אַ גליק, װאָס פֿון גיפּס״ (מײַן אונטערשטרײַכונג — מ. ד.). כאָרן צושױער גײט דאָס אַלץ פֿאַרלױרן, פֿאַרשטײט זיך. עטינגערס רעמאַרקע איז פֿול מיט זשעסט, מימיק, באַװעגונג. דאָס באַלעבט זײער די לאַנגע מאָנאָלאָגן. נעמט, צ. ב., ר׳ גאַװריעלס מאָנאָלאָג אין אָנהײב פֿונעם 3־טן אופֿצי. מיר האָבן דאָ 15 רעמאַרקעס, ר׳ גאַװריעל הײבט אָן זײַן לאַנגן מאָנאָלאָג ליגנדיק אױף דער קאַנאַפּע, דערנאָך מאַכט ער אַ גאַנצע רײ פֿאַרשײדנאַרטיקע באַװעגונגען. דער שרײַבער גיט אים אַרבעט אי פֿאַר די אױגן („ער קוקט זיך אום אין אַלע װינקעלעך״), אי פֿאַר די אױערן („ער װיל גײן אין שלאָפֿכײדער אַרײַן און האָרכט״), אי פֿאַר די הענט („ער גײט אַרום אין שטוב און מאַכט מיט די הענט״); דאָס רעדט ער געלאַסן, דאָס שטילער („פֿלוצלינג גיט ער זיך אַ כאַפּ בײַם שטערן און שמועסט שטילער״), און דאָס שטאַרק הױך („ער טראַכט נאָך, דערנאָך גיט ער אַ געשרײ״); דאָס רעדט ער פּאַמעלעך (דערנאָך זאָגט ער גאַנץ פּאַמעלעך״), דאָס האַסטיק (די לעצטע װערטער פֿון מאָנאָלאָג); ער שפּעט נאָך סערקעלען; — מיט אײן װאָרט, דער אַקטיאָר, װאָס שפּילט ר׳ גאַװריעלן, האָט אין דעם אײנעם מאָנאָלאָג גענוג מעגלעכקײַטן אױף אַרױסצװײַזן מײַסטערשאַפֿט אי אין דער באַװעגונג, אי אינעם זשעסט, אי אין דער מימיק, אי אין דער אינטאָנאַציע.

אַפֿילו די פּאַוזע אינעם דיאַלאָג איז שטענדיק צום אָרט. פֿאַרגלײַך, צ. ב., די פּאַוזע „ער שװײַגט אַביסל שטיל״ פֿאַרן װאָרט „פֿלוצלינג״ אין ר׳ מוישעס מאָנאָלאָג (ערשטער אַרײַנקום פֿונעם 2־טן אופֿצי), אָדער די טאָקטפּולע פּאַוזע אין דעם 7־טן

ארייַנקום פונעם 5־טני אופצי: „אלע בלייַבן א פאָר מינוט גאָר שטיל" (דאָס זעלבע אינעם 4־טן ארייַנקום פונעם 4־טן אופצי).

ניט זעלטן צווינגט עטינגער זייַן פערסאָנאַזש צו שפילן („סצענע אף דער סצענע"): אזוי שפילט ר' גאווריִעל קונציק די ראָליע, וואָס ער האָט אף זיך גענומען, באזונדערס נאָך דער געניייווע; ס'שפילט ר' מוישע (די סצענע מיטן שאדכן), דער פרעמדער (איידער ער לאָזט זיך דערקענען).

דער טעקסט פון „סערקעלע" איז דורכויס סצעניש. דער אקטיאָר האָט דאָ די פולע מעגלעכקייַט ארויסצווייַזן זייַנע פייִקייַטן.

עטינגער פארמאָגט דעם כאראקטער־שטריך פון אן עכטן דראמאטורג. יעדע סיטואציע אין דער פיעסע טראָגט דעם כאראקטער פון קאָנפליקט (אפילע די זייַטיקע סיוזשעט־ליניע: כאִים — כאווע). זייער איבערצייַגנדיק איז געוויזן אויך דער אינערלעכער קאמף בא די העלדן (ר' מוישע, ר' גאווריִעל). די אינטריגע איז אינטערעסאנט געבויט, זי פארכאפט דעם צושויער. די קאָמפאָזיציע איז א גלענצנדיקע — יעדע סצענע דרינגט ארויס פון דער פריִערדיקער און גרייט צו די ווייַטערדיקע, יעדע רעפליק באוועגט די האנדלונג פאָרויס. זייער אינטערעסאנט איז דער שלוס פון דער פיעסע, ווען דער אווטער זאמלט צונויף אלע זייַנע העלדן. די לייזונג זעט אויס צו זייַן אומגעריכט: דער אינטריגע־קנופ ווערט קינסטלעך צעהאקט דורך דעם פרעמדן. מע וואָלט בעפייִרעש געקאָנט אויסקומען אָן דעם (אשטייגער, דורך ר' מוישעס ווידע: ס'וואָלט זייַן זייער נאטירלעך, ווען ר' מוישע, וואָס לעבט ווייטעקלעך איבער סערקעלעס פארברעכן, וואָלט זי, עפשער אפילע ניטווילנדיק, אויסגעגעבן; א רעמעז אף אזא מעגלעכקייַט האָבן מיר אינעם 2־טן ארייַנקום פונעם 2־טן אופצי, ווען ר' מוישע איז כוישעד דעם שאדכן, אז ער האָט אים אונטערגעהערט; זע אויך 7־טן ארייַנקום פון 4־טן אופצי). דער שלוס פון „סערקעלע" גייט אָבער פון דער בורזשואזער דראמע, ווו אזא עפעקט האָט געהאט א פעסטע טראדיציע. און דעריקער: ער שפילט א באשטימטע אידעאָלאָגישע פונקציע: דאָס לעצטע וואָרט האָט עטינגער געלאָזט פאר זייַן אידעאלן העלד, דעם מאָדערנעם סויכער גוטהערצ. און גראָד אין דער צוגרייטונג פונעם שלוס האָט עטינגער ארויסגעוויזן גרויסע מייַסטערשאפט.

„ס'מאכט ניט קיין שום אייַנדרוק אף דער סצענע, אויב ס'באווייַזט זיך א פערזאָן, וואָס קיינער האָט ניט געוואַרט אף איר; ס'ווירקט אָפקילנדיק די דערשייַנונג פון א פערזאָן, וואָס ווערט פון אלעמען דערווארט. דראמאטיש איז נאָר די לאגע, ווען דאָס דערווארטע דערשייַנט אנדערש, ווי ס'איז געווען דערווארט" [1]).

די דערשייַנונג פון גוטהערצן אנטשפרעכט טאקע צו אָט דער פאָדערונג. מע קאָן ניט זאָגן, אז דאָס איז א פערזאָן, וואָס קיינער האָט זי ניט דערווארט (פאראן אין דער פיעסע רעמאָזים, אז די מייַסע וועגן גוטהערצס טויט איז אן אויסגעטראכטע), מע קאָן אָבער אויך ניט זאָגן, אז דאָס איז א פערזאָן, וואָס ווערט אומבאדינגט דערווארט.

[1]) Гессен. „Техника драмы“.



עטינגער האָט אויך געוווּסט דעם סאָד פון הומאָר. מיר האָבן אין „סערקעלען" ניט ווייניק פרימיטיוון קאָמיזם: ניט געשיקטע באוועגונגען פון דעם אָדער יענעם העלד (כאִים צעברעכט דעם שפיגל; ער שטויסט זיך אָן אף הינדען און פאלט א. אנד.); א פיזישער מום (ר' גאווריִעלס מעשאָרעס דער זאיִקע); מע הערט זיך אונטער (כאווע הערט אונטער כאִימס ליבע־דערקלערונגען אף איר כעזשבן. אן אינטערעסאנטער שטריך: דעם דאָזיקן פרימיטיוון קאָמיזם, וואָס איז אין גרונט געבויט אף קלאָונאדע, ווענדעט עטינגער אָן אויסשליסלעך אף די מעשאָרסים־פיגורן). מיר האָבן אָבער אין „סערקעלען" אויך פייַנעם הומאָר. אין פייַנע הומאָריסטישע טענער איז געגעבן דאָס געשטאלט פון פריידע־אלטעלע־פרידעריקע. א באשטימטע ראָליע שפילט דאָ די צעקאליעטשעטע שפראך, צ. ב., אלטעלעס דייַטש אין ר' גאווריִעלס איבערגעב. אלטעלע וויל, אז ר' גאווריעל זאָל זי „אימער רופן פרידעריקע".

גאווריִעל (אין דער שטיל צו זיך): פונמייַנעטוועגן לאָז זי כאָטש הייסן אציינדערטיקע. (הויך) נו, מייַן לעבן, פון איצט אָן וועל איך זי שוין טאָמיד רופן מייַנע הארצעדיקע, קרוינעדיקע, פרירעדיקע, יאָ?" סערקעלע דערמאנט דעם „כאם צוויי" (אָנשטאָט „כאכאם צווי"), אן אנדערש מאָל זאָגט זי: „און ווען עס זאָל דאָ קומען די גאנצע וועלט פון מינכע און פון מייַרעוו" (אָנשטאָט: „פון מיזרעך און פון מייַרעוו"). דאָ האָבן מיר א שפיל אף דער אזויגערופענער פאָלקס־עטימאָלאָגיע.

אונדזער אנאליז וואָלט זייַן ניט פול, ווען מיר זאָלן ניט דערמאנען עטינגערס גרויסע מייַסטערשאפט אין שילדערן זייַנע געשטאלטן. עטינגערן קען מען בעשומויפן ניט אָפווארפן, אז זייַנע פערסאָנאַזשן זייַנען פארפראָסטעוועט, אבסטראקט, איינזייַטיק, אָן ניואנסן.

אָט איז דאָס סערקעלע־געשטאלט. סערקעלע איז געוויזן אלס איישעס־כאיִל, וואָס אף איר האלט זיך די שטוב, אלס באלעבאָסטע, וואָס האָט צו שאפן איבער מעשאָרסים, אלס מוטער, אלס ווייַב פון א מאן, אלס פרוי (אירע זינדיקע „סימפאטיעס" צו רעדלעכן). זי באציט זיך מיט ביטל צו איר מאן (זי רעדט וועגן אים ווי וועגן א שלימעזאלניק), זי וויל אָבער, אז די מעשאָרסים זאָלן האָבן פאר אים אָפשיי ווי פאר א באלעבאָס („ווארט נאָר, ווארט, — שרעקט זי כאִימען, — לאָז נאָר מייַן מאן אהיים קומען, מייַן מוישע וועט דיר שוין געבן פאר ס'דייַניקע!"), זי איז פאָרזיכטיק מיטן מאן (מע טאָר אים ניט ראגזענען: ער וויים אירע סוידעס), זי איז צארט מיט דער טאָכטער, זי איז אכזאָריעסדיק מיט דער פלעמעניצע. זי האלט פון זיך, מאכט זיך יונג, שארט זיך צו רעדלעכן, כיינדלט זיך פאר ר' גאווריִעלן. אין דער זעלבער צייַט פירט זי אירע געשעפטן גאָרניט שלעכט (דערמאנט זיך אירע אונטערהאנדלונגען מיט ר' גאווריִעלן וועגן נאדן). אלס באלעבאָסטע איז זי ברוטאל: זי שלאָגט די מעשאָרסים; מיט פרעמדע מענטשן איז זי בעניִמעסדיק. זי פארמאָגט אין זיך די גראָבקייַט פון א געווירנטע („קאפצנטע", „דראבקע", שרייַט זי אף הינדען; רעדלעכן טרייַבט זי פון שטוב: „ארויס פון מייַן שטוב, דו אָפגעריסענער און אָפגעשליסענער, נאקעדיקער דייַטש!" זי רופט אים: לייַדעק, פארך, גאלגאן). סערקעלע איז א מוירע־דיקע ניט־פארגינערן. ווען זי דערוויסט זיך, אז איינע א שיפרע באלבאן האָט געוווּנען אף דער לאָטערייע 16 טויזנט רייניש מינצ, צעשרייַט זי זיך: „וואָס? שיפרע? זעכצן טויזנט רייניש מינצ? עס איז שוין אין דער וועלט אזוי, אומשטיינס געזאָגט — אז

דעם ערגסטן הונט קומט דער בעסטער ביין, אוי, מייַנע קויכעס! שיפרע באַלבאַן! זעכצן טויזנט רייניש מינץ? א רועכ אין איר טאַטן אַרייַן". זי איז העכסט וואולגאַר (אירע זשעסטן, ווען זי דערוויסט זיך, אז מע האָט זי באַגאַנוועט: „קנייַפּט זיך מיט ביידע הענט אין די באַקן אַרייַן, ברעכט זיך די הענט און שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרייַן, לויפט אַרום אין שטוב און שרייַט, וואַרפט זיך אַנידער אַף דער קאַנאַפּע"). זי איז צוויִעסדיק (די סצענע מיט הינדען, ווען זי מיינט זיך דערוויסן בא איר וועגן גאַנעוו). זי פאַרמאָגט אין זיך פּאַרוועניו־שטריכן.

אזוי איז געוויזן סערקעלע, דאָס צענטראַלע געשטאַלט פון דער פּיעסע. סאַראַ רייַכקייַט פון שטריכן! אַלע זייַנען זיי טיפּישע פאַר א פרוי א פּאַרוועניו פון סערקעלעס עפּאָכע און סוויווע, און אַלע זייַנען זיי אינדיווידועלע (סערקעלען וועט איר ניט צונויפמישן מיט א צווייטער עטינגער־געשטאַלט: וויטעלע, וואָס געהערט צו דעם זעלבן טיפּ). ווייניקער רייַך, אָבער דאָך פולבלוטיק זייַנען פאַנאַנדערגעאַרבעט די איבעריקע געשטאַלטן. אָט איז ר' גאַווריִעל, א פרייִקער רעמעז אַף שאָלעם־אַלייכעמס מענאַכעם־מענדל (אַגעוו, איז ר' גאַווריִעל א וואַריִאַציע פון דער „שטשאַגאַל"־געשטאַלט פון לעווינזאָנס „העפקער־וועלט"). א גלענצנדיקע פיגור איז דער שאַדכן ר' יויכענען. אין פּסיכאָלאָגישן שניט איז אינטערעסאַנט געגעבן ר' מוישע. זייער לעבעדיק זייַנען די מעשאָרסים־געשטאַלטן. בלייַך, סכעמאַטיש, בלוטאָרעם האָבן זיך באַקומען נאָר די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער פּיעסע: עטינגערס פּאָזיטיווער אידעאַל — אַן אידעאַל א היפּש פיליסטערישער — האָט ניט געגעבן קיין רייַכן שטאָף פאַר זייַן קינסטלערישער ענערגיע אינעם שילדערן די פּאָזיטיווע פיגורן.

---

## אונדזער אויסגאַבע

אונדזער איצטיקע אויסגאַבע פון ש. עטינגערס ווערק איז אויסגערעכנט אַף דער סטודענטנשאַפט און לערערשאַפט. די אויסגאַבע איז ניט קיין פולע. מיר האָבן אָבער געזען, אז דער אויסוואַל פון עטינגערס ווערק, וואָס מיר לייגן דאָ פאָר, זאָל געבן א פאַרגאַנצטע פאָרשטעלונג וועגן עטינגערס שאַפן: וועגן זייַנע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס אין די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמעס פון זייַן צייַט, וועגן זייַן טעמאַטיק, וועגן זייַנע זשאַנרען. דערבייַ האָבן מיר גענומען דאָס קינסטלעריש־רייַפסטע, וואָס עטינגער האָט געשאַפן.

פאַר א יעסאָד האָבן מיר אָנגענומען דעם טעקסט פון דער ווילנער אויסגאַבע פון עטינגערס ווערק (1925־טן יאָר)[1]. די דאָזיקע אויסגאַבע איז געמאַכט (בא קליינע אויסנאַמען) לויט עטינגערס אייגנהענטיקע מאַנוסקריפּטן. דער פאַרגלייַך צווישן דער ווילנער אויסגאַבע מיט די פריִערדיקע אויסגאַבעס פון עטינגערס ווערק באַווייַזט, אז ווילאַג איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן די רייַפסטע רעדאַקציע, וואָס עטינגער האָט געגעבן זייַנע ווערק. אין אייניקע פּונקטן האָבן מיר אָבער געמוזט אָנעמען דעם טעקסט פון די פריִערדיקע אויסגאַבעס, דעהייַנע אין די פּונקטן, ווו די ווילנער אויסגאַבע איז בעפּיירעש היגטערשטעליקער.

אזוי האָבן מיר אין „סערקעלע" אין אייניקע ערטער אָנגענומען דעם טעקסט פון דער יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע (1861־טן יאָר)[2]. צום בייַשפּיל, אַלטעלעס רעפּליק (ערשטער אופצי, פינפטער אַרייַנקום) איז אין ווילנער טעקסט בעפּיירעש פאַרקריפּלט: „זאָג אים ער זאָל מיך קאָמען וואַרגען. איך האָב אויף אים לענגער געוואָרט, איצט זאָל ער וואַרטען". אין אונדזער טעקסט (לויט יאָאַג) זעט די רעפּליק אויס אזוי: „... זאָג אים, אז ער זאָל קומען מאָרגען, איך האָב אויף אים לענגער געוואָרט, איצט זאָל ער וואַרטען". אינעם צענטן אַרייַנקום פונעם צווייטן אופצי קומט יעראַכמיִעל „מיט א קריגל אין דער האַנט". ס'פאַרשטייט זיך, אז דער מעשאָרעס האָט געקאָנט קומען מיט א קריגל אין דער האַנט. מיר האָבן אָבער אָנגענומען דעם טעקסט פון יאָאַג: „מיט א בריוול אין דער האַנט". דאָס דאָזיקע בריוול גיט טאַקע יעראַכמיִעל איבער אַלטעלען, און דאָס גיט שטאָף פאַר דער גאַנצער ווייַטערדיקער סצענע (עלפטער אַרייַנקום). אין דעם 2־טן אַרייַנקום פונעם פינפטן אופצי האָבן מיר אָנגענומען דעם טעקסט פון יאָאַג אין א גאַנצער ריי ווערטער: טיי (ניט: א טסיי), פּאָנש (ניט: פּאָנטס), ליקער (ניט: ליקווער), א סטיק מאַרינאַד (ניט א סטאָק מאַרינאַט). אזוי אויך האָבן מיר אין אַנדערע אָפּטיילן פון עטינגערס ווערק אָנגענומען אין אייניקע שטעלן דעם טעקסט פון דער פּעטערבורגער אויסגאַבע

[1]) ווייַטער ציטירט: ווילאַג.

[2]) ווייַטער ציטירט: יאָאַג.

(1889) [1]. צום ביישפּיל, אינעם מאָשל „די רעדער": „קען איך אזוי גוט ווי דו נוצן" (דאָס רעדל, ווי עס שיינט פונעם גאנצן קאָנטעקסט, איז זייער באשיידן, עס וועט דעריבער ניט זאָגן, ווי אין ווילאג: „קען איך עפּשער גיכער פון דיר נוצן"). אינעם מאָשל „דאָס קאטשקעלע" איז ווידעראמאָל טאקע מער אָנעמבאר דער פּעטאַג־טעקסט: „אמאָל זיינען („זיינען" האָבן מיר געענדערט אף „זענען") זיי צו א טייכל געקומען", ניט: „... צו א קליינ טייכל געקומען" (די גרייס פונעם טייכל האָט קיין שום וועזנטלעכן ווערט ניט פארן גאנג פון דער אקציע אינעם מאָשל). אין דער נאָענטסטער שורע פון דעם זעלבן מאָשל האָבן מיר אויך אָנגענומען דעם פּעטאַג־טעקסט: „דאָס קאטשקעלע האָט אָנגעהויבן באלד צו שווימען". דער ווערטער־סיידער אין ווילאג איז אן אנדערער: „דאָס קאטשקעלע האָט באלד אָנגעהויבן צו שווימען". דער פּעטאַג־טעקסט קלינגט דאָ בעפּיירעש בעסער. אינעם מאָשל „די קינע" איז אין איין אָרט פאראן אן אונטערשייד אינעם סיידער פון די שורעס:

ווילאג

„כאיִמ האָט זיינע קויכעס צונאנדגענומען.
ווי ער איז אָבער אין וואלד אריינגעקומען
און איז זיך צופוס וויטער געקראָכן,
שטייט ר' שמועל — ער האָט א ראָד צעבראָכן".

פּעטאַג

„כאיִמ האָט זיינע קויכעס צוזאמען גענומען
און איז זיך צופוס וויטער געקראָכן.
ווי ער איז אָבער אין וואלד אריינגעקומען,
שטייט ר' שמועל — ער האָט אן אקס צעבראָכן".

מיר האָבן אָנגענומען די אָרדענונג פון די שורעס אין דעם פּעטאַג־טעקסט: ס'איז קלאָר, אז ער איז לאָגישער. אינעם מאָשל „די פליג" לייענען מיר אין ווילאג: „ער האָט ווידער געקניפּט און געבונדן, די הויט פון די פערד געשונדן, און ניין, און ניין, און ניין: דער וואָגן איז געבליבן שטיין". מיר האָבן אין דער לעצטער שורע אָנגענומען דעם פּעטאַג־טעקסט, וואָס שיינט אונדז צו זיין עקספּרעסיווער און לאָגישער: „דער וואָגן בלייבט אלץ שטיין" (געבליבן שטיין איז דאָך דער וואָגן נאָך פריער). אינעם מאָשל „די אסיפע" לייענען מיר אין ווילאג: „נאָך דעם לייבס דעם גיבערס טויט זענען די כייעס געבליבן אין א נויט; זיי זענען געבליבן אָן א פירער". מיר האָבן אין דער צווייטער שורע דאָס וואָרט געבליבן געענדערט אף „געוועזן", ווי אין פּעטאַג: ס'איז סטיליסטיש באשטימט פיינער. אין „דאָס ליכט" האָבן מיר אין איינקע ערטער אָנגענומען דעם טעקסט פון פּעטערבורגער „יידישעס פאָלקסבלאט", וווּ די ליד איז צוערשט געוועזן געדרוקט (אין ווילאג איז עס געדרוקט פון פּעטאַג). צום ביישפּיל, „און פארגיסן א טייך מיט טרערן" ניט „... א באך מיט טרערן"; „אומעטום ווערט איצט צום טיש געגרייט", ניט „צו טיש". אין „וויטעלע" האָבן מיר אין איינקע שטעלן אָנגענומען דעם טעקסט פון דער „ווארשעווער יידישער צייטונג", צום ביישפּיל, „וואָרן פון וואשן און פון בענטשן האלט זי מער ווי פון אלע מענטשן, וואָס איז דאָ אף דער וועלט". דער טעקסט פון ווילאג איז אזא: „וואָרן פון וואשן און בענטשן האלט זי מער פון אלע מענטשן, וואָס זענען נאָר אף דער וועלט". דער ווילאג־טעקסט קען אויסגעטייטשט ווערן אזוי: וויטעלע איז פרימער פון אלע מענטשן. דער טעקסט פון

[2]) וויַיטער ציטירט: פּעטאַג.



דער „ווארשעווער יידישער צייטונג" איז אידעאָלאָגיש שארפער: די רעליגיעזע אויסערלעכקייט שטייט בא וויטעלען העכער פון מענטשן.

אין די לידער, וווּ ווילאג האָט ניט געהאט פאר זיך קיין מאנוסקריפּטן און האָט איבערגעדרוקט גלייך פון פּעטאַג, ווערט דער פּעטאַג־טעקסט צייטנווייז קאָרעגירט. ניט שטענדיק האָבן מיר געקאָנט אָנעמען די דאָזיקע קאָרעקטורן. צום ביישפּיל, אינעם מאָשל „דער באל־האלוואָע", וואָס איז איבערגעדרוקט פון פּעטאַג, קאָרעגירט ווילאג די שורע: „אז ער האָט א ביטאָכן גאָר שטארק ווי אן אייזן" אזוי: „אז ער האָט א ביטאָכן גאָר שטארק ווי אייזן", אָנעם וואָרט „אן". בעפּיירעש שלעכט קאָרעגירט. אינעם מאָשל „דער אינדיק" ווערט די שורע: „נאָר, אז איר זענט יאָ צו אונדז געקומען" קאָרעגירט אף אזא אויפן: „נאָר אז עץ זענט דאָ צו אונדז געקומען". „עץ" איז אן אָנגעלייגטע קאָרעקטור, זי שטימט מיט עטינגערס סטיל; דאָ אָנשטאָט יאָ איז אָבער אבסאָליוט ניט בארעכטיקט.

אין די וואריאנטן האָבן מיר געגעבן די וויכטיקסטע דיפערענצן אין די פארשיידענע אויסגאבעס. אָבער טאקע נאָר די וויכטיקסטע. דאָ זיינען מיר געווען ניט אזוי קארג ווי די ווילאג. אין ווילאג ווערן אסאך וויכטיקע וואריאנטירונגען איגנאָרירט. אזוי, צ. ב., ווערט צו דער עפּיגראם „די דייגע" ניט געבראכט דער פּעטאַג־וואריאנט, וואָס אונטערשיידט זיך וועזנטלעך פונעם ווילאג־טעקסט:

ווילאג

„אָשער איז רייך, ער האָט מער נישט צו זאָרגן,
באָר ווו ער זאָל זיך ערגעץ א ביסל כאָכמע באָרגן".

פּעטאַג

„איך זאָג דערקעגן נישט א וואָרט,
ער איז אן אוישער, ער האָט ניט צו זאָרגן,
איין דייגע האָט ער אָבער פאָרט,
ווו ער זאָל זיך ערגעץ סייכל באָרגן".

די ווילאג האָט געהאט אין זינען דעריקער שפּראכלעכע וואריאנטירונגען, און זי גייט פארביי פארשיידענע אנדערע אונטערשיידן, ווי אונטערשיידן אידעאָלאָגישע, קאָמפּאָזיציאָנעלע, סטראָפישע, אונטערשיידן אינעם ווערטער־סיידער א. אז. וו. מע דארף באמערקן, אז אויך די שפּראך־דיפערענצן זיינען ניט אלע פיקסירט. ביישפּילן: ווילאג — „א שיינעם הונט", פּעטאַג — „א קינצלעכן הונט" („די צוויי פערדלעך"); ווילאג — „דער נארישער בער", פּעטאַג — „דער נאר דער בער" („א פריינט א נאר"); ווילאג — „דערצווישן", פּעטאַג — „צווישן זיי" („דאָס קאטשקעלע") און אסאך אנדערע. די יאָהאניסבורגער און ווארשעווער אויסגאבעס פון „סערקעלע" ווערן אין ווילאג ניט דיסקאָנטירט (די יאָאג, עמעס, האָט ווייַנרייך, דער רעדאקטער פון ווילאג, ניט געהאט פאר זיך). מאכמעס יאָאג און ווארשאג זיינען ביבליאָגראפישע זעלטנהייטן, האָבן מיר געזוכט צו געבן אין די וואריאנטן וואָס מער ביישפּילן פון די דאָזיקע אויסגאבעס. מיר האָבן אויך אויסגענוצט די וואריאנטן פון עטינגערס אייגנהענטיקע מאנוסקריפּטן, אף וויפל זיי ווערן געבראכט אין ווילאג (עמעס, ניט אלע).

די ווערק עטינגערס האָבן מיר איינגעטיילט אין 4 אָפּטיילן: 1) לידער; 2) מעשאָלים; 3) סאטירעס, עפּיגראמעס און סענטענצן; 4) דראמאטישע ווערק. דער אָפּטייל „סאטירעס, עפּיגראמעס און סענטענצן" ווערט איינגעטיילט אין צוויי אונטעראָפּטיילן.

אזויארום, ווערן די גרונט־זשאנרען פון עטינגערס שאפן בולעט אויסגעטײלט. עטינגערס אײַנטײלונג איז געווען אזא: „1) טעאַטער („סערקעלע״); 2) מעשאָלים; 3) לידלעך, קלײנע מײַסעלעך, מוסער־ און קאַטאָוועס־ווערטלעך״ (פון עטינגערס אײגנהענטיקער רעשימע, געבראכט אין מ. ווײַנרײַכס „בילדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע״, ז. 285). ניט פעטאַג, ניט ווילאַג האָבן זיך געהאַלטן בא עטינגערס אײַנטײלונג. מיר האָבן דאָס אויך ניט געטאָן. „קלײנע מײַסעלעך״ האָבן מיר פאַרביטן מיטן טערמין „סאַטירעס״. פאַקטיש זײַנען אזוינע ווערק, ווי „וויטעלע״, „אסוסאָ״ א. אנד., וואָס ווערן געבראַכט אין דעם אָפטײל, אויסגעשפּראָכענע סאַטירעס. דער טערמין „קלײנע מײַסעלעך״ פאַרווישט דעם דאָזיקן וועזנטלעכן זשאַנער־סימען, מיר האָבן אים דעריבער אויסגעשלאָסן. די ווערק, וואָס ווערן אין ווילאַג געבראַכט אין אָפטײל „הויסאָפעס״, האָבן מיר פאַרטײלט אין די אַנטשפּרעכיקע אָפטײלן (צום בײַשפּיל, „דער ראָש־האַקאָהאָל״ אינעם אונטעראָפטײל „סאַטירעס״, „רעב שמערל״—צווישן די עפּיגראַמעס). די צווײ מעשאָלים: „די שײדים״ און „דער הוילעך ראָכיל״, וואָס ווערן אין ווילאַג געבראַכט אינעם אָפטײל „קלײנע מײַסעלעך און קאַטאָוועסלעך״, האָבן מיר געגעבן אינעם אָפטײל „מעשאָלים״ („די שײדים״ קומט אויך אין עטינגערס מאַנוסקריפּט און אין פעטאַג צווישן די מעשאָלים).

אין די באַזונדערע אָפטײלן גופע האָבן מיר לאַכלוטן געענדערט די אָרדענונג פון ווילאַג. אזוי, צום בײַשפּיל, האָבן מיר די מעשאָלים און עפּיגראַמעס אײַנגעטײלט לויט די פּראָבלעמעס, וואָס זײ באַהאַנדלען: סאָציאַלע אָרדענונג, בילדונג און דערציִונג, אַנטיקלעריקאַלע מאָטיוון א. אז. וו. אונדזער אײַנטײלונג האָט די מײַלע, וואָס זי איז מעטאָדיש צוועקמעסיק: דער לײענער באַקומט א בולעטע און קאָנצענטרירטע פאָרשטעלונג וועגן עטינגערס אידעאָלאָגישן גאַנג.

די אָרטאָגראַפיע איז אומעטום אונדזערע [1]. באַם דאָזיקן פּרינציפּ האָבן מיר זיך געהאַלטן אויך אין די וואַריאַנטן. ברענגענדיק וואַריאַנטן פון די פאַרשײדנסטע אויסגאַבעס, ווי: „ייִדישעס פאָלקס־בלאַט״, „וואַרשעווער ייִדישע צײַטונג״, „קאָל מעוואַסער״, יאָאַג, וואַראַג, פעטאַג, ווילאַג וואָלט אויסגעקומען אָפּ שריט און טריט האָבן צו טאָן מיט די פאַרשײדנסטע אָרטאָגראַפיעס. דאָס וואָלט אַרײַנגעטראָגן א גוואַלדיקן פּלאָנטער און וואָלט זײער פאַרשווועריקט דעם לײענער. דערבײַ וואָלט אזא פּעדאַנטיזם קײן שום וויסנשאַפטלעכן נוצן ניט געבראַכט. ס׳פאַרשטײט זיך, אז מאָדערניזירנדיק עטינגערס אָרטאָגראַפיע, האָבן מיר ניט מאָדערניזירט זײַן שפּראַך. אָבער עטינגער שרײַבט: פין (פון), אין (און), מעך (מיך), אראַן (אַרײַן). די דאָזיקע אָרטאָגראַמעס האָבן מיר ניט געפונען פאַר נײטיק אײַנצוהיטן. סאָפּקאָלסאָפּ וועט יעדער לײענער זיך האַלטן בא זײַן דיאַלעקט, אונדזער אָרטאָגראַפיע שטערט אים דערבײַ ניט. וואָלטן מיר אָבער טרײַ קאָפּירט די דאָזיקע עטינגערס אָרטאָגראַמעס, וואָלטן מיר שטאַרק פאַרשווועריקט דאָס לײענען.

מיר האָבן פאַרהיט אזעלכע כאַראַקטעריסטישע פאַר עטינגערן דיאַלעקטאַלע פאָרמעס, ווי: עץ (איר), ענק (אײַך) (אמערסטן נוצט אָבער עטינגער: אײַך), ער העט (ער וואָלט), זאָגטס, פרעגטס, נעמטס, היטס.

[1] אין אײן פאַל נאָר, נעמלעך, אין עטינגערס פּראָספּעקט צו זײַנע ווערק, האָבן מיר אײַנגעהיט עטינגערס אָרטאָגראַפיע.



ווילאַג, ווי אויך פעטאַג, גיט איבער עטינגערס דיאַלעקטן־גראַם לויט עטינגערס אָרטאָגראַפיע. צום בײַשפּיל: מיטער — ביטער, לעכט — נעכט, געשרײַ — שרײַבערײַ. מיר האָבן זיך דערפון אָפּגעהאַלטן: ס׳איז אזוי שוין אָנגענומען אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור צו שרײַבן די דיאַלעקטן־גראַמען מיט דער אײנהײַטלעכער אָרטאָגראַפיע. צו וואָס־זשע מאַכן אן אויסנאַם פאַר עטינגערן? דעם ווילאַג, אגעוו, קומט אויס אין אײן־און דער זעלבער ליד עטינגערס „דאָס ליכט״ אײן און דאָס זעלבע וואָרט „ליכט״ שרײַבן ל י כ ט, ווען ס׳קומט אין אָנהײב אָדער אינמיטן שורע, ל י כ ט אָדער ל ע כ ט, ווען ס׳קומט אַלס גראַם (גערדיכט — ליכט; געוויכט — ליכט; בעכט — לעכט; שלעכט — לעכט).

די דײַטשישע רעפליקעס האָבן מיר אויך איבערגעגעבן אין אונדזער אָרטאָגראַפיע: קאָמען (ניט: קאָממען) מוטער (ניט: מוטטער), לעצטע (ניט: לעטצטע); אָבער: וואָהל, שעהנ א. אז. וו.

אין דער ביבליאָגראַפיע גיבן מיר אן איבערזיכט פון אַלע עטינגערס אויסגאַבעס. באַזונדערס גענוי שטעלן מיר זיך אָפּ אָפּ דעם יאָהאַניסבורגער און וואַרשעווער אויסגאַבעס פון „סערקעלע״, פּאָשעט דערפאַר, ווײַל דאָס זײַנען ביבליאָגראַפישע זעלטנקײַטן, און דער עקזעמפּליאַר פון יאָאַג, וואָס געפינט זיך אין באַזיץ פון אונדזער אינסטיטוט, איז, ווײַזט אויס, דער אײנציקער אין דער וועלט. אָפּ די אַרבעטן וועגן עטינגערן האָבן מיר זיך ניט אָפּגעשטעלט. די אײנציקע מאַרקסיסטישע אַרבעט, וואָס מיר פאַרמאָגן דערווײַל וועגן עטינגערן, איז מ. ווינערס ברײטע און אינהאַלט־רײַכע רעצענזיע וועגן דער ווילנער אויסגאַבע פון עטינגערס ווערק. די איבעריקע אַרבעטן זײַנען אַנטימאַרקסיסטישע און האָבן גאָר א קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט.

אין די באַמערקונגען וועט דער לײענער קריגן ידיעס אויך וועגן די קוואַלן פון עטינגערס איבערגעזעצטע ווערק און קורצע אַנאָטאַציעס וועגן זײערע אוטערס. דאָ ווערן אויך געגעבן ידיעס וועגן די אויסגאַבעס פון יעדן ווערק באַזונדער.

צום סאָף בוך האָבן מיר צוגעגעבן א ווערטערבוך, ווו ס׳ווערן פאַרטײַטשט די ווערטער אין עטינגערס טעקסט, וואָס דוכטן אונדז אויס צו זײַן שווער פאַרן לײענער. די שווערע ווערטער אין די דײַטשישע רעפּליקעס פאַרטײַטשן מיר גלײַך אונטערן טעקסט.